STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11931

DER SHVARTSER BUKH

American Jewish Committee

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

שוואַרצער בוך

די אויטאָריזירטע אידישע איבערזעצונג פון

"THE JEWS IN THE EASTERN WAR ZONE"

(די אידען אין די מלחמה־געגענדען פון מזרח־אייראָפּאַ)

— פון —

ווילליאַם פּויזניאַק

מיט דער ערלויבניס פון דער „אמעריקאַן דזשואיש קאמיטע".

נויארק

1916

די אידען אין דעם מזרח קריעגס ראיאן.

איינליטונג:

פון די אלע פעלקער וואס האבען שווער געליטען פון דער יעצטיגער מלחמה, האט קיינע נישט געטראגען קיין גרעסערע משא ווי די אידען — אין פיזישען און עקאנאמישען פערלוסט, אין מאראלישע און גייסטיגע יסורים.

ביי היינטיגען טאג שלאגען אידען איינע די אנדערע אין אלע ארמעען פון אייראפא. רוסלאנד אליין האט איבער 350 טויזענד אידישע סאלדאטען; עסטרייך האט איבער 50 טויזענד; בסך־הכל זיינען פיעלייכט דא א האלבער מיליאן אידען אין די רייהען פון די קעמפפענדע ארמעען.

די אידען טראגען דעם גאנצען שטויס פון די מלחמה צרות נישט בלויז אויפ'ן שלאכטפעלד, וואו זיי ליידען צוזאמען מיט דער גאנצער וועלט, נאר אויך אין זייערע הימען, וואו זיי זיינען אויסגעזונדערט געווארען דורך זייער אייגענטהימליכע געאגראפישע, פאליטישע און עקאנאמישע לאגע, פאר אונגליק וואס איבערשטייגט דעם אונגליק פון אלע אנדערע.

ווען די מלחמה האט אויסגעבראכען, איז א העלפט פון דער אידישער בעפעלקערונג פון דער וועלט געכאפט געווארען אין א פאסטקע אין א ווינקעל פון מזרח אייראפא, וואס איז אבסאלוט אפגעשניטען פון אלע נייטראלע לענדער און פון דעם מעער. רוסיש־פוילען, וואו איבער צוויי מיליאן אידען האבען געוואוינט, איז אפגעהאקט פון דער ארומיגער וועלט. צו דרום זייט פון פוילען איז גאליציען, דיא גרענעץ־פראווינץ פון עסטרייך. דא האבען געוואוינט נאך א מיליאן אידען. הינטער רוסיש־פוילען געפינען זיך די פופצעהן רוסישע גובערניעס וואס האבען צוזאמען מיט פוילען געבילדעט דעם

תחום המושב (טשערטאַ אָסיעדלאָסטי). דאָ האָבען געוואוינט נאָך פיער מיליאָן אידען.

און אזוי האָבען זיעבען מיליאָן אידען — א בעפעלקערונג וואָס איבערשטייגט בעלגיען מיט א מיליאָן — געקראָגען דעם גאנצען שטויס פון דער מלחמה. הינטער זיי איז געווען די „היילינע רוסלאנד“, וואָס איז פאר זיי געשלאָסען דורך די מאי גזירות פון 1881. אין פראָנט זיינען געווען די פיינדליכע דייטשלאנד און עסטרייך. צו דרום זייט די אונפריינדליכע רומעניען.

זיי זיינען דערשלאָגען געווארען וואו זיי זיינען געשטאנען, און איבער זייערע קערפערס האָבען געקרייצט און איבערגעקרייצט די דייטשע ארמעען פון מערב זייט, די רוסישע ארמעען פון מזרח זייט און די עסטרייכישע ארמעען פון דרום זייט. אמת, אלע איינוואָהנער פון דיעזען שטח האָבען געליטען פון די רציחות און פלינדערייען פון דער מלחמה, אבער אין קיין גראד קען מען זיי פערגלייכען צו די ליידען פון די אידען. די שטרייטענדע ארמעען האָבען בעטראכט פאר פאָליטיש, אין א געוויסע מאָאס, צו געווינען דעם גוטען ווילען פון די פאָליאקען, רוטהענער און די אנדערע ראסען אין דיעזען שטח. זיי האָבען געליטען בלויז פון נויטהיגע און אונפערמיידליכע צרות פון מלחמה. די אידען אבער זיינען געווען פריינדלאָז, זייער רעליגיאָן פערדאמט. אין דיעזען מיטעל אלטערליכען ווינקעל פון דער וועלט׳ס גאנצען רעליגיעזען פאנאטיזם פון די רוסען, דעם שאָוויניזם פון די פאָליאקען, צוזאמען מיט דער בלוטדורשטיגקייט וואָס בעהערשט אלע מענשען אין מלחמה — אלע דיעזע שרעקליכע שנאות האָבען זיך צוזאמענגעגאָסען אין איין שטראָם וואָס האט זיך געגאָסען אויף די אידען.

הונדערטע טויזענדע זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון זייערע היימען אונטער א טאָג נאָטים. די גליקליכערע האָט מען פערפאקט און ארויסגעשיקט אלס פראכט — די אלטע, קראנקע און וואהנזיניגע; מענער, פרויען און קינדער; זיי ארומגעשליידערט פון פראָווינץ צו פראָווינץ, אָפּגעלעגט אויף זייטיגע טרעקס אויף לאנגע טעג אָהן שפּייז און אָהן שום הילפע. די ווענינער גליקליכע האָט מען איינפאך פערייאָגט אין די וועלדער און זומפּען דאָרט צו שטאַרבען פון הונגער. אידישע שטעדט זיינען אומיסטע צופלינדערט און פערברענט געוואָרען. הונדערטע אידען זיינען פערטראָגען געוואָרען אלס משכנות נאָך דייטש־

לאנד, עסטרייך און רוסלאנד. טייפלישע סצענען פון תאוה און גרויזאמקייט האָבען זיך אָפּגעשפּיעלט עפענטליך אין דעם ליכט פון דעם טאָג. עס זיינען דאָ צעהנדליגע שטעדטלאַך וואו עס איז נישט געבליעבען קיין איינציגע פרוי וואָס איז ניט געשענדעט געוואָרען. פרויען, יונגע און אלטע, האָט מען אויסגעטהאָן נאַקעט און געקנוטעוועט אויף די פּובליק סקווערס. אידען זיינען פערברענט געוואָרען לעבעדיגערהייד אין שוהלען, וואו זיי זיינען געלאָפען זוכען שוץ. טויזענדע זיינען היינגעריכטעט געווארען אונטער די שוואכסטע אויסריידען, אדער גלאַט אזוי אוים צוועקלאָזע גרויזאמקייט.

דיעזע אידען האָבען נישט געהאט קיין ענגלאנד, וואוהין צו אנטלויפען, ווי די בעלגיער. די סימפּאטהיע פון דער אויסערליכער וועלט איז פאר זיי געווען אפגעשלאסען. זיי האָבען נישט געהאט דיא טרויסט צו וויסען דאָס זיי קעמפּפען צ פיר זייערע אייגענע היימען, אדער אפילו פאר מיליטערישען כבוד, אדער אין דער האָפנונג צו קריגען עפּעס אנערקענונג אדער בעלוינונג. דער איינציגער געדאנק וואָס זיי האָבען געהאלטען טהייער, איז נאָר געווען דאָס ווען דער קאַמפּף וועט זיין פאָראיבער, וועלען זיי וועניגסטענס קענען קריגען דיא יעניגע עלעמענטארישע רעכטע וואָס מען ענטזאגט נישט צו קיין אנדער פאלק — דאָס רעכט צו לעבען און זיך צו בעוועגען פריי אין דעם לאנד פון זייער געבורט אדער אדאָפּטירונג, צוא ערציהען זייערע קינדער, צו מאכען א לעבען, צו דיענען גאָט לויט דער דיקטירונג פון זייער געוויסען.

רוסלאנד.

כמעט א העלפט פון דער אלטוועלטליכער אידישער בעפעלקערונג וואוינט אין רוסלאנד, אין דעם שטח פון דעם מלחמה־ראיאָן, צוזאמענגעדריקט אין שטעדט וואָס זיינען די ערשטע אנגריעפס־פּונקטען. די שרעקליכע לאגע פון די אידען אין רוסלאנד אין נארמאלע צייטען איז גוט בעוואוסט. פערבאָטען צו וואוינען ארויס פון דער גרויסער געטא וועלכע איז בעוואוסט אלס די „טשערטא אסיעדלאָסטי“, בעדריקט פון ספּעציעלע שטייערען, ענטזאגט אפילו די מאָגערע

בילדונגס פריווילעגיען וואס אנדערע האבען יא, גע'רודף'ט פון א קארופטער פאליציי, א פיינדליכע רעגירונג און אן אונפריינדליכע בעפעלקערונג — אין קורצען, דעגראדירט עקאנאמיש און בערויבט פון רעכט פאליטיש — האט זייער צושטאנד אימער פארגעשטעלט דעם עקסטרעם פון צרות. ס'איז געווען די אפען־אויסגעדריקטע פאליטיק פון די רעאקציאנערען וואס רעגירען איבער רוסלאנד, צו לעזען דיא יודענ־פראגע דורך פטור ווערען פון דיא אידען. „איין דריטעל וועט זיך אויס־שמד'ן, איין דריטעל וועט אויסוואנדערען נאך אמעריקא און איין דריטעל וועט שטארבען פון הונגער אין רוסלאנד" — דאס איז געווען דאס ציניש ווערטעל. און אזוי איז עס טאקע געווען. טויזענדע האבען זיך אויסגע'שמד'ט, צעהנדליגע טויזענדע זיינען אויסגעשטארבען פון הונגער אין רוסלאנד און הונדערטע טויזענדע האבען אויסגעוואנדערט נאך אמעריקא.

לאיאליטעט פון רוסישע אידען.

דאן איז געקומען די מלחמה. די אידען האבען דארין געזעהן א געלעגענהייט צו ווייזען דער קריסטליכער בעפעלקערונג, דאס טראץ אלע פערפאלגונגען פון דער פערגאנגענהייט, זיינען זיי בערייט צוא פערגעסען זייער טראגישע היסטאריע און אנפאנגען צו לעבען אויף דאס ניי מיט א פעאייניגטע און רעגענערירטע רוסלאנד. טויזענד אידישע יונגע לייט, וואס זיינען געווען געצוואונגען צו פערלאזען רוס־לאנד, אום צו קריגען דיא בילדונג, וואס זי־ער אייגענע לאנד האט זיי ענטזאגט, האבען פרייוויליג זיך אומגעקעהרט און זיך אנגעשלאסען אן דער ארמעע, אבוואהל זיי האבען געוואוסט דאס די האפנונג פון פארצוג אדער צו דערדיענען זיך צו העכערע עמטער איז פאר זיי געשלאסען. אויפ'ן שלאכטפעלד האבען די אידישע סאלדאטען ארויסגעוויזען קוראזש און אינטעליגענץ, וואס האבען געוואונען דעם רעספעקט פון זייערע קאמפפס־קאמעראדען און געוואונען פאר הונדערטע פון זיי דעם געארגיעווסקי קרייץ, וואס ווערט געגעבען פאר בעזאנדערען העלדענ־מוטה געגען שונא; וועהרענד דיאיעניגע וואס זיינען געבליבען אין דער

היים, האָבען געעפענט און אויסגעשטאָטעט האָספּיטעלער פאַר פער-וואונדעטע סאָלדאַטען. אָהן אונטערשייד פון ראַסע אָדער גלויבען; בייגעשטייערט גרויסמוטיג צו אַלע עפענטליכע פאָנדס. אין קורצען, אויפגעאָפּפערט זיך אַליין און זייערע פערמעגענס פיר דער רוסישער זאַך.

אָנפאַנגס האָט שוין אויסגעוויזען, דאָס די לאַנג-געווינשטע פער-אייניגונג מיט דעם רוסישען פאָלק האָלט שוין ביים פערווירקליכט ווערען. באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, דאָס די קייטען, וואָס האָבען געשמידט די אידען אין רוסלאַנד אין דער פערגאַנגענהייט, קענען ניט צושמעטערט ווערען. קרעפּטען, איבער וועלכע זיי האָבען ניט געהאַט קיין שליטה, האָבען פאַר זיי בעשטימט די גרעסטע טראַ-געדיע אין דער היסטאָריע. די „טשערטאַ", וואו זיי האָבען געוואוינט, איז פּויליש אין איהר אָריגינאַליטעט און איהר בעפעלקערונג. די פּאָליאַקען און די אידען זיינען געווען ליידענס-גענאָסען פון דעם רו-סישען אונטערדריקער, אָבער אַנשטאָט צו ווערען ברידער אין אַ צרה, זיינען זיי געשיידעט דורך זייערע רעליגיעזע און ראַסען פערשיידענ-הייטען, און איבער אַלעס, דורך די מחלוקות, וואָס די רוסען האָבען צווישען זיי צושפּרייט, ביז עס האָט זיך ענטוויקעלט אין אַן אונ-קאָנטראָלירבאַרען האַס.

רוסישע רציחות

באַלד פאַר דעם מלחמה-אויסברוך האָט דער קאַמף אַנגענומען זיין ביטערסטע פאָרם — די פּאָליאַקען האָבען געמאַכט אַ שרעקליכען באָיקאָט געגען די אידען. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, האָט דער שטאַנד פון די פּאָליאַקען איבער נאַכט געענדערט זיך. ביידע, אי די רוסישע, אי די דייטשע אַרמעען, האָבען געזוכט צו געפינען חן ביי דער פּוילישער בעפעלקערונג. און פיעלע פּאָליאַקען האָבען אָנ-געכאַפּט די געלעגענהייט צו בעפרידיגען זייער פּערזענליכען האַס, זיי-ער פאַנאַטיזם און שאָוויניסטישען משוגעת דורך מסר'ן אידען, צו דעם

און צו יענעם אריינדרינגער, אלס שפּיאָנען און פעררעטהער. אין דײטשלאַנד איז דער האַס פון דיעזע אטאקען אין א געוויסער מאָאַס אפּגעדעקט געווארען און די ליגענס זיינען צוריקגעשטויסען געווארען. אבער אין רוסלאנד האבען זיי געפונען א פּרוכטבארען באָדען. די רוסישע מיליטערישע מאַשין האָט געכאַפּט שרעקליכע מפּלות פון די דײטשען, און אום ריינצוואשען זיך אין די אויגען פון זייער פאָלק, האָבען די רוסישע מיליטערישע קליקען מיט חשק אנגעכאַפּט דיעזע געלעגענהייט ארויפצוואַרפען די שולד פון זייערע מפּלות אויף דעם הילפלאָזען איד. זיי האבען הינגעריכטעט מענער, פרויען, אפילו קינדער, אָהן אפילו א שאָטען פון בעוויז, אָהן שום פאָרמאַליטעט און אָהן משפּט. אומשענדליכע געשיכטען פון אידישען פעררעטה, אויסגעטראַכט פון פּאָליאַקען, זיינען אנגענומען געוואָרען אלס אמת און זיינען פערשפּרייט געוואָרען דורך דער פּרעסע און אויף די לאָקאַלע רעגירונגס בולעטין-ברעטער; אבער ווען אן אָפיציעלע אונטערזוכונג האָט בעוויזען אז דיעזע געשיכטען זיינען פאַלש אין יעדע הינזיכט, האָט די צענזורע ענטמוטהיגט דאָס דרוקען פון די אפּלייקונגען. די בעאַמטע האָבען געגעבען די סאָלדאַטען א פרייע האנד צו רויבען און בעפרידיגען זייערע תאוות, ערמוטהיגענדיג זיי אפילו דורך פערעפענטליכען אָפיציעלע אוקאַזען, וועלכע האבען אָפיציעל פערדאַמט די אידען אלס שפּיאָנען און פעררעטהער. דער רעזולטאַט איז געווען א סעריע פון רציחות וואָס האָט קיין פערגלייך אפילו אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד. א מיליאָן אידען זיינען פערטריבען געווארען פון זייערע היימען אין א שטאַנד פון אבסאָלוטע ארמוטה.

פּראָטעסט פון ליבעראלען רוסלאַנד.

אלע ליבעראלע עלעמענטען פון רוסלאַנד האָבען פּראָטעסטירט געגען דיעזען קאַמפּיין פון אויסראָטונג, אָבער זיי זיינען געווען מאַכטלאָז געגען דער מיליטערישער רעגירונג. הונדערטע שטאָדטישע קערפּערשאַפטען, ארבייטער און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציאָנען, שרייבער, פּובליציסטען און גייסטליכע האָבען געשיקט פּעטיציאָנען צו דער ציווילער רעגירונג, בעטענדיג מען זאָל געבען די אידען מענשליכע

גלייכהייט, אָדער וועניגסטענס כאָטש אויפהערען די פערפאָלגונגס־פּאָליטיק. דיעזע פּעטיציאָנען, וויא אויך די רעדען וואָס זיינען געהאלטען געווארען אין דער דומא, שטעלען צוזאמען א בינטעל בעווייזע פון ניט־אידישע קוועלען, וואָס מוזען פערדאמען די רוסישע רעגירונג אין די אויגען פון דער וועלט.

לעזט די ווייטערע קאפּיטלען, אין וועלכע דיעזע בעווייזע וועלען ציטירט ווערען.

גאליציען.

דורך די צעהן מאָנאט וואָס די רוסען האָבען פערנומען גאליציען, האָבען די אידען אין דיעזען לאַנד געליטען נאָך פיעל ערגער ווי די אידען וואָס האָבען געוואוינט אין דער רוסישער „טשערטא“, ווייל דאָ זיינען דאָך די אידען געווארען אונטערטהאַנען פון דעם שונא און מען האָט גאָר קיין אויסרייד בעדאַרפט פאר זייער פייניגונג. די רוטהענער און פּאָליאַקען אין גאליציען זיינען געוועזען פריינדליך צו רוסלאנד, ווייל זיא האט זיי פערשפּראָכען אונאבהענגיקייט און מאכט. אָבער פון די אידען אין גאליציען האָט רוסלאנד גאָרנישט געקענט ערוואַרטען, ווייל זיי האָבען דאָך שוין געהאט רעכטע און פרייהייטען וואָס אידען אין רוסלאנד האָבען נישט. דיא געוויכט פון דער רוסישער ארייננדרינגונג איז אויף זיי דערפאר געפאלען אונערבאַרעמדיג. דאָ האָבען טויזענדע אידישע רוסישע סאָלדאטען געמוזט אויפּאָפּפערען זייערע לעבענס, אום צו ברענגען אויף די פרייע אידען פון גאליציען דיעזעלבע שקלאפען קייטען פון וועלכע זיי אליין זוכען בעפרייט צו ווערען אין רוסלאנד. זיי האָבען זיך געמוזט צוקוקען ווי זייערע רוסישע קריעגס־קאַמעראַדען לעסטערען שוהלען, שענדען אידישע פרויען און שלאַכטען אויס אונשולדיגע און הילפלאָזע מענשען פון זייער אייגענעם גלויבען.

רומעניען.

אבוואָהל רומעניען איז נאָך נישט קיין מלחמה־לאַנד, זיינען דאָך פיעלע אידען אין דיעזען לאַנד שוין שטארק בעריהרט געווארען דורך

דער מלחמה. אין מאָנאט יולי 1915 האָט דאָס אינערן מיניסטעריום ארויסגעגעבען א בעפעהל ארויסצוטרייבען די אידען פון די שטעדט־לאך נעבען דער עסטרייך־אונגארישער גרענעץ טיעפער אין רומעניען. אבוואָהל שפעטער איז בעהויפטעט געוואָרען, דאָס דיעזער בעפעהל איז געווען געציעלט צו שטערען די אידישע תבואה שפעקולאנטען פון בוקאָווינא, זיינען דאך פיעלע אידען וואָס האָבען געוואוינט אין די גרענעץ שטעדטלאך זייט דורות, פון דאָרט פערטריעבען געווארען.

דיעזע האנדלונג פון דער רעגירונג איז ביטערליך קריטיקירט געווארען פון דער ליבעראלער פרעסע און אין א פעטיציאָן וואָס דער פערבאנד פון רומעניש־געבאָרענע אידען האָט דערלאנגט צום קעניג, און צולעצט איז דער בעפעהל צוריקגערופען געווארען.

גאנץ גלייך אויב רומעניען וועט יא אריינטרעטען אין דער מלחמה אָדער ניט, איז קיין צווייפעל דאָס צום שלום פון דער מלחמה מוז די פראגע וועגען רומעניען׳ס בעהאנדלונג פון די אידען ערעפענט ווערען.

פאלעסטינא.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה זיינען אין פאלעסטינא געווען, לויט פערלעסליכע שאצונגען, ארום 100טויזענד אידען, פון וועלכע מאנכע זיינען געווען עקאָנאָמיש־אונאבהענגיגע ארגיקולטוריסטען, אָבער די גרוסע מאיאָריטעט זיינען געווען אלטע איינוואנדערער וואָס זיינען אבהענגיג אָן שטיצע פון קרובים און פון דעם גוטען ווילען פון זייערע פרומע גלויבענס־גענאסען אין אייראָפא.

די מלחמה האָט זיי אפגעהאקט אי פון די אייראָפעאישע מארק־קעטס, אי פון זייערע קרובים און פריינד; כמעט די גאנצע אידישע בעפעלקערונג איז אויף אזא אופן געבליבען אין גרעסטען עלענד און ארמוטה. זייער לאגע איז נאך פערערגערט געוואָרען דורך דער גרוי־זאמקייט מיט וועלכע טערקיי האָט ביי איהר אריינטריט אין דער מלחמה, אלס פערבינדעטע מיט די צענטראלע מעכטע, בעהאנדעלט די אונטערטהאנען פון דיא פיינדליכע לענדער. ארום 8 טויזענד אידען וואָס האָבען נישט געוואָלט ווערען טערקישע אונטערטהאנען, זיינען ארויסגעטריבען געווארען, אדער זיינען אליין אנטלאָפען.

אידען אין אנדערע מלחמה לענדער.

אין די אלע לענדער, וואו אידען האָבען ביז יעצט געהאט פרייהייט, איז נישטאָ קיין בעזאָנדערער אידישער פּראָבלעם אין דיעזע מלחמה. די אידען האָבען זיך גענצליך צוזאַמענגעשלאָסען מיט די לענדער פון זייער געבורט אדער אדאָפּטירונג, און זיי טהיילען די פריידען און ליידען מיט די פעלקער צווישען וועלכע זייער שיקזאל איז פערזיגעלט.

אין ענגלאנד האָט די אידישע בעפעלקערונג, לויט די שאצונג פון לאָרד ראָטהשילד, צוגעשטעלט מעהר ווי איהר חלק רעקרוטען צו דער ענגלישער ארמעע, נעמליך 17 טויזענד סאָלדאטען, אדער ארום אכט און א האלב פּראָצענט פון דער גאנצער אידישער בעפעלקערונג, געגען זעכס פּראָצענט פון דער ניט־אידישער. דער לאָרד טשיעף דזשאַסטיס, דער איד באראָן רעדינג (סער רופוס אייזעקס) האָט מאָביליזירט די פינאנציעלע קוועלען פון דעם לאנד און איז גערופען געווארען צו שטעהן אָן דער שפּיצע פון דער ענגליש־פראנצויזישער קאָמיסיאָן וואָס האָט געקראָגען די אנלייהע פון 500 מיליאָן דאָלאר אין די יונייטעד סטייטס. לאָרד ראָטהשילד איז טרעזשורער פון דעם רויטען קרייץ. הערבערט סעמיועלס איז א מיטגליעד פון דעם קאָאליציאָנס קאבינעט. א אידישער באטאליאָן איז אָרגאניזירט געווארען פון די פּאלעסטינער פּליכט־לינגע און האָט געלייסטעט אויסער־געוועהנליכע דיענסטע צו די עליים אויף דער האלב־אינזעל גאליפּאָלי. פיעלע בעלוינונגען, צווישען זיי וויקטאָריא קרייצען און העכערע עמטער, ווערען פּובליצירט אין דער ענגליש־אידישער פּרעסע יעדע וואָך.

אין דייטשלאנד האָבען די אידען, אבוואָהל זיי האָבען נישט קיין פולע סאָציאלע פּריווילעגיען, געטראגען זייער פולען חלק פון דער מלחמה. הערר באלין, דער הויפּט פון דער האנדעלס פלאָטע, האָט געקראָגען די אויפגאבע צו אָרגאניזירען דעם נאציאָנאלען שפּייז־סופּלאי, און אנדערע אידען פערנעהמען אנגעזעהענע שטעלען אין יעדען דעפּארטמענט פון דער אינדוסטריעלער מאָביליזאציאָן אין דעם לאנד.

אין פראנקרייך, איטאליען, עסטרייך־אונגארן און טערקיי, געפינען זיך אידען אין די מיניסטעריומס, אלס קאָמאנדירען פון ארמעען אויפ'ן פעלד און אלס אויפזעהער פון מעדיצינישע דיענסט אין די ארמעען.

אזוי האָט די יעצטיגע מלחמה ווידער בעוויעזען די גרויסע

וואָרהייט, דאס אין מלחמה פונקט ווי אין פריעדען, זיינען די אידען א טהייערעס פערמעגען פאר די יעניגע נאציאָנען וואָס אנערקענען זיי אלס אונשיידבארער טהייל פון זייערער בעפעלקערונג און ערלויבען זיי פרייע ענטוויקלונג; אבער וואו אן אויטאָקראַטישע רעגירונג דער־מאָראַליזירט איהר פאָלק, פאַרשטעלענדיג זיי מיט דעם בילד פון אן אונבעשיצטע מינאָריטעט בערויבט פון אלע מענשליכע רעכט, פיהלט די רעגירונג אליין די רעאקציאָן און דער מאָראַלישער טאָן פון דער נאציאָן ווערט דאדורך פערדאָרבען.

רוסלאַנד

בעמערקונג וועגען די קוועלען פון אינפארמאציאן.

פיר די צוועקען פון דיזען בעריכט איז בעטראכטעט געווארען פאר ראהטזאם אויסצוקלייבען פון דער מאסע מאטעריאל, וואס קען בענוצט ווערען אויפצוקלעהרען דיא יעצטיגע לאגע פון דיא אידען אין רוסלאנד, בלויז בעווייזע וואס זיינען בעגרינדעט אויף:

1 — אפיציעלע און האלב־אפיציעלע רעפארטען פון דער רוסישער רעגירונג, וואס זיינען געווען פערעפענטליכט אין איהר אפיציעלען ארגאן „פראוויטעלסטוועני וויעסטניק"; אין איהר האלב־אפיציעלען ארגאן „נאוואיע ווראעמיא", אדער אין איהרע מיליטערישע ארגאנען.

2 — דעבאטען און פערהאנדלונגען אין דער גאסודארסטוועננאיא דומא און אין דעם גאסודארסטוועני סאוויעט, הויפטזעכליך בעווייזע וואס זיינען צוגעשטעלט געווארען פון ניט־אידישע דעפוטאטען, אדער אזעלכע בעווייזע פון אידישע דעפוטאטען, וואס זיינען ענטוועדער גאר נישט בעשטריטען געווארען, אדער בעשטריטען געווארען אהן ערפאלג, פון דיא „רעכטע דעפוטאטען".

3 — סטייטמענטס אין דער ליבעראלער רוסישער פרעסע און אין דער אידישער פרעסע אין רוסלאנד, וואס אלע זיינען זעהר שטרענג צענזורירט געווארען.

4 — פראטעסטען און רעזאלוציאנען פון ניט־אידישע ארגאניזאציאנען, פארטייען און פיהרער, געגען דער אנטיסעמיטישער פאליטיק פון דער רעגירונג. דיזע פראטעסטען זיינען געמאכט געווארען עפענטליך און זיינען דורכגעגאנגען אונבעקעמפפט פון דער רוסישער רעגירונג.

אין קורצען הייסט עס, אז דיזער בעריכט איז בעגרינדעט אויסשליעסליך אויף בעווייזע וואס זיינען צוגעשטעלט געווארען פון דער רוסישער רעגירונג אליין, אפיציעל אין איהר אייגענע פרעסע, אדער אונטערשטיצט דורך דער רעוויזיאן פון איהרע מיליטערישע און ציווילע צענזורען, וואס ווערען מיט בעזאנדערע שטרענגקייט אנגעווענדעט געגען דער אפאזיציאנס־פרעססע, אדער אין עפענטליכע רעדען און ערקלערונגען, וואס זיינען דורכגעגאנגען אין דיא רוסישע געזעצמאכונגס קאמערען אונבעשטריטען פון די רעגירונגס־דעפוטאטען.

רוסלאנד.

איינלייטונג.

רוסלאנד האט זיך פערשאפען די גרעסטע מאסע פון איהר אידישע בעפעלקערונג דורך די צוטהיילונגען פון פוילען פון 1773 ביז 1795. שטארק מיטעלאלטערליך אין אויסקוק און ארגאניזאציאן, ווי רוסלאנד איז געווען ביי יענער צייט, האט זי בעהאנדעלט די אידען מיט דער אויסערגעוועהנליכער גרויזאמקייט, וואס די מיטעלאלטערליכע פרינ־ציפען און פאליטיקס האבען עס בעשטעטיגט און געפאדערט. פער־שפארענדיג זיי אין די פראווינצען וואו זיי האבען גראדע געוואוינט אין דער צייט פון פערטהיילונגען פון פוילען, האט זי געגרינדעט א גהעטא וואס איז גרעסער ווי אירגענד וועלכע וואס האט ווען עקזיס־טירט אין מיטעלאלטער; און דורך ארויפלעגען בעשריינקונגען אויף דאס רעכט צו וואוינען און רייזען אפילו אין דיעזע גהעטא גופא, האט זי ווירקליך פערוואנדעלט די גהעטא אין א מין שטראף־קאלאניע, וואו זעכס מיליאן מענשען וואס זיינען שולדיג אין האלטען דעם אידישען גלויבען, זאלען זיין געצוואונגען אויסצולעבען זייערע יאהרען אין שמוץ און אין צרות, אין בעשטענדיגען טויט שרעק פון פאגראמען, אונטער־ווארפען די קאפריזען פון פאליציי בעאמטע און פון א קארופטער אדמיניסטראציאן — אין קורצען, אהן שום געזעצליכע רעכט און מאציאלען שטאנד.

בלויז צוויי מאהל אין פערלויף פון לעצטען יארהונדערט זיינען געמאכט געווארען פערזוכע אויסצובעסערען די לאגע פון די אידען אין רוסלאנד, און יעדע בעסערע שטיקעל צייט איז נאכגעפאלגט געווארען פון א פעריאדע פון נאך גרויזאמערע אונטערדריקונג. דאס ערשטע

מאָל איז געווען דורך דער רעגירונג פון אלעקסאנדער דעם צווייטען, אָבער זיין ערמאָרדונג אין 1881 האָט געבראכט די פאָלקאָמענע איבער־הערשאפט פון די רעאקציאָנערע עלעמענטען, וועלכע האבען גלייך בעגייעט די פערפאָלגונגס פּאָליטיק. דיא „מאַי געזעצע“ פון איגנאטי־עוו׳ן (1882) וואָס האלטען אין נעץ די אידען ביז צו היינטיגען טאָג, זיינען געווען דער באלדיגער פּראָדוקט פון דיעזען רעזשים. דיא צווייטע פעריאָדע, בעגלייטענדיג די אונצייטיגע רעוואָלוציאָן פון 1904—5, איז נאָכגעפאָלגט געוואָרען פון א „פּאָגראָם פּאָליטיק“ פון אונגעהערטע גרויזאמקייט, וואָס האָט אָנגעהאלטען ביז דעם אויסבּרוך פון דער יעצטיגער מלחמה.

דיא „טשערטא“.

ביים אָנפאנג פון דער מלחמה איז דיא צאָהל פון אידען אין דער רוסישער אימפעריע געשאצט געוואָרען אויף זעכס מיליאָן אָדער מעהר, ארומנעהמענדיג א געגויע העלפט פון דער גאנצער אידישער בעפעלקע־רונג פון דער וועלט.

פינף און נייינציג פּראָצענט פון דיעזע מענשען ווערען פערשפּארט דורך געזעצע אין א בעשרענקטען שטח פון רוסלאנד, וואָס איז בעוואוסט אלס תחום המושב („טשערטא אָסיעדלאָסטי“ אין רוסיש) בעשטעהענד פון פופצעהן גובערניעס אין מערב און דרום־מערב פון רוסלאנד און די צעהן גובערניעס פון פוילען, וואָס פיעל פון דיעזען טעריטאָריום איז יעצט פערנומען פון די דייטשען. אָבער דאָס איז נאָך אויך נישט אלעס, די וואוינרעכט אין דער טשערטא גופא זיינען נאָך אויך בעש־רענקט אויף אזוי וויים, אז די אידען איז ערלויבט צו וואוינען בלויז אין איין צוויי־טויזענד חלק (1—2,000) פון דער רוסישער אימפעריע.*) קיין אידען איז ערלויבט ארויסצוטרעטען פון דיעזע טשערטא, סיידען ער בעלאנגט צו די ווענינע פון דער פריווילעגירטער קלאסע. מאנכע האלב־פּריווילעגירטע אידען קענען מיט גרויסע אנשטרענגונגען קריגען

---

*) זעה „ליגעל סאפערינגס אָף דהי ראָשיען דזשוס“, רעדאקטירט פון לוסיען וואולף. לאָנדאָן, ט. פישער אנווין, 1912

בעזאָנדערע פּאַספּאַרטען פיר א בעשרענקטע צייט אויף וואוינען ארויס פון דער טשערטא. די גרויסע מאַיאָריטעט קען אָבער נישט קריגען דיעזעס פּריווילעגיום פאר קיין שום צייט. א גוואלדיגע מאסע פון בעזאָנדערע אויסנאהמס געזעצע האָט פערוואנדעלט די טשערטא אין א מין טיורמע מיט זעכס מיליאָן ארעסטאנטען, וואָס ווערען בעוואכט פון אן ארמעע קאָרופּטע און ברוטאלע וועכטער.

די לעצטע „אָפּשאפונג פון דער טשערטא.

אין אויגוסט 1915 האָט דער מיניסטאָרען־ראטה ארויס־געגעבען אַן אוקאז, ערלויבענדיג די אידען פון דעם מלחמה בעטראָפענ־נעם שטח אריינצופאָהרען טיעפער אין רוסלאנד. דיעזער אוקאז איז אין מאנכע קרייזען בעטראכטעט געווארען אלס א ווירקליכע אָפּשאפונג פון דער טשערטא. די אויסטייטשונג איז נאָך מעהר פערשטאַרקערט געווארען דורך דעם וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אזוי ברייט און וויט פערשפּרייט דיעזען אוקאז. די בעווייזע אָבער, אָפיציעלע ווי אנדערע, צייגען גאנץ קלאָהר, דאָס דיעזער אוקאז איז וויט פון א גרויסמוטהיגע טהאט פון א ליבעראלע רעגירונג צו אַן אונטערדריקטען פאָלק. אין דער ווירקליכקייט איז עס בלויז א צייטווייליגער מיטעל, דיקטירט הויפּטזעכליך דורך מיליטערישע נויטהווענדיגקייט און טהיילווייז אויך דורך דער נויטווענדיגקייט פון אַן אויסלענדישע אנלייהע. עס איז קלאָהר אז דיעזע שטיקעל הנחה איז געגעבען געווארען אונווילענדיג, מיט ביטערע בעשרענקונגען וואָס האָבען נאָך מעהר בעאיינדרוקט דעם שקלאפערישען שטאנד פון די אידען, און דאָס אין פּראקטיק ווערט דיעזער אוקאַז איגנאָרירט אדער אויסגעמיעדען לויט דער בעקוועמליכקייט פון די לאָקאלע בעאמטע, און ער ווערט אויסגע־נוצט — און איז אפשר ארויסגעגעבען געווארען מיט א כונה — אום צו מאכען א פאלשען איינדרוק אויף דער עפענטליכער מיינונג פון דער וועלט.

בעווייזע צו אונטערשטיצען דיעזע אנשויאונג וועלען יעצט בעטראַכטעט ווערען:

1. — עס איז א צייטווייליגער מיטעל דיקטירט דורך מיליט־טערישע נויטהווענדיגקייט. עס נעהמט נישט אראָפּ קיינע פון די

אויסנאהמס־געזעצע צו וועלכע די אידען אין רוסלאנד זיינען געזעצליך אונטערוואָרפען.

דיעזעס ווערט צוגעגעבען אָפיציעל אין דעם פּראָטאָקאָל פון דעם מיניסטאָרען ראטה פון אויגוסט 4 (17) 1915, ביי וועלכע זיצונג דער אוקאז איז אָנגענומען געווארען. דיעזער פּראָטאָקאָל לעזט זיך ווי פאָלג:

„עס איז לעצטענס בעמערקט געווארען, אין פערבינדונג מיט דעם מיליטערישען צושטאנד, דאָס אידען עמיגרירען מאַסענווייז פון דער מלחמה טהעאטער און פערזאמלען זיך אין געוויסע אינערליכע גובערניעם פון דער אימפּעריע. דיעזעס ווערט ערקלערט, פון איין זייט, דורך דער בעמיהונג פון דער אידישער בעפעלקערונג צו פערלאָזען בעצייטענס די געגענדען וואָס ווערען געסטראשעט פון דעם שונא, און פון דער אנדערער זיט, דורך דעם אוקאז וואָס אונזערע מיליטערישע בעאמטע האָבען ארויסגעגעבען, אויסצולייזיגען געוויסע געגענדען אין דער ליניע פון דעם שונא׳ם פאָרווערטס־מארש. די וויטערע קאָנצערטרירונג פון דיעזע פליכטלינגע, וואָס זייער צאָהל ווערט אימער גרעסער, אין דעם בעשרענקטען שטח וואָס איז פאר זיי אָפען, פעראורזאכט אונרוהיגקייט צווישען דער לאָקאלער איינגעבאָריענער בעפעלקערונג און קען פיהרען צו גוואלדיגע פאָלגען אין פאָרם פון האָלסייל אונרוהען. די איבער־גרויסע אָנזאמלונג פון אידישע פליכטלינגע איז אויך א גרויסע שטערונג פאר דער רעגירונג אין איהר אנשטרענגונג צו בעזארגען זיי מיט שפּייז, ארבייט און מעדיצינישע אויפפאסונג. אונטער דיעזע אומשטענדען, בעטראכטענדיג עס פאר דרינגענד נויטיג צו נעהמען באלדיגע שריטע צו פערמיידען אונגעווינשטע מעגליכקייטען, האָט דער עקטינג מיניסטער פון אינערן געמאכט א פאָרשלאָג אין בעצוג צו דיעזע זאך פאר דעם מיניסטאָרען ראטה.

„אויפנעמענדיג דיעזען באלדיגען געגענשטאנד פיר בעטראכטונג און אָהנע צו בעריהרען די פראגע פון דער אלגעמיינער רעוויזיאָן פון דיא געזעצע וואָס זיינען יעצט אין קראַפט וועגען אידען, האָט דער מיניסטאָרען ראטה געפונען, דאס דער ראטהזאמסטער אויסוועג פון דעם געשאפענעם צושטאנד וואָלט זיין צו געבען די אידען וואוינרעכט אין שטעדט און שטעטליך ארויס פון דער טשערטא. דיזע פריוויל-

עגיום, געגרינדעט צוליעב דעם נויטהפאל פון מיליטערישען צושטאנד, טאָהר אָבער נישט בעריהרען די הויפט שטעדט (פעטראָג־ראד און מאָסקווא) און דיא געגענדען אונטער דער פערוואלטונג פון די מיניסטעריומס פון דעם צאר'ס הויף פון דעם קריעגס מיניסטעריום".

די געוואלדיגע פאקטען הינטער דיעזען טרוקענעם אָפיציעלען סטייטמענט זיינען שוין געווען בעוואוסט צו אלעמען אין רוסלאנד. הונדערטע טויזענדע אידען זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון זייערע היימס איבער נאכט, דורך דער האנדלונג פון די מיליט־ערישע בעאמטע. ביי א פאָריגע זיצונג פון דעם מיניסטאָרען־ראטה האָט פרינץ שטשערבאטאָוו, וועלכער איז אליין א קאָנסערוואטיוו, פאָרגעשטעלט די שרעקליכע לאגע פון דיעזע פליכטלינגע. ער האט אָנגעוויזען דאָס זיי ווערען איבערגעוואלד געטריעבען אין פערבאָט־ענעם טעריטאָריום אריין, און אז עס איז שווער זיי אנצוווייזען וואוהין צו לופען, ווייל יעדער לויפט נאטירליך אהין, וואו ער האט פריינד אדער פערוואנדטע און האָפט צו געפינען מיטלען א לעבען צו מאכען, און דאָס צוליעב דער וואוינרעכט־בעשרענקונג געפינען זיי זיך יעצט געזעצלאָז געגען זייער ווילען, און פעטיציאָנען און טעלעגראמען שיטען זיך אין ריעזיגע מאסען, בעטענדיג אָפיציעלע ערלויבניס צו וואוינען געזעצליך אין זייערע נייע היימס. דיעזע לייטע, האט ער אָנגעוויזען, קענען נישט ארויסגעטריבען ווערען פון די פלעצער ארויס פון דער טשערטא, ווייל זיי האָבען נישט די מעגליכקייט זיך אומצו־קעהרען צו זייערע אלטע היימס.*)

דער דומא דעפוטאט סקאָבעלאָוו האָט געזאָגט: „די פראגע פון דער טשערטא איז ארויפגעבראכט געווארען ביים מיניסטאָרען ראטה נאָר דאן, ווען די כוואליע פון אידישע פליכטלינגע האָט שוין צושמעטערט דיעזע מיטעלאלטערליכע וואנד".**)

נאָך א דעפוטאט, דער אָקטיאָבעריסט ראָסטאָווצעוו, האָט אין דער דומא בעמערקט: „וועגען וועלכע טשערטא רעדט איהר דא? עס איז נישטאָ קיין טשערטא; קאָיזער ווילהעלם האָט זיא אָפגעשאפט!"

---

*) פעטראָגראדער „רעטש", אויגוסט 8 (21) 1915.
**)פעטראגראדער „רעטש", אויגוסט 14 (27) 1915.

אויב עס איז נויטיג נאָך ווייטערע בעווייזע צו איבערצייגען דאָס דער אבשאפונגס אוקאז איז נישט געווען א פּריוויליגע טהאט פון בעפרייאונג, נאָר א זאך וואָס די רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו טהאָן צוליעב צושטענדע איבער וועלכע זי האָט נישט געהאט קיין קאָנטראָלע גיט עס דער לייט־ארטיקעל אין האלב־אָפיציעלען רעגירונגס ארגאן „נאָוואָיע ורעמיא“ פון 9 טען אויגוסט 1915.

אין דעם לייט ארטיקעל ווערט גאנץ אָפען ערקלערט דאָס די אויפנאהמע פון דעם אוקאז אין דער אלגעמיינער פּרעססע אלס „די ערשטע שטראלען פון א נייעם טאָג“ איז גענצליך אָהן רעכטפערטיגונג; דאָס די פראגע פון אראָפּנעהמען אלע אידישע אויסנאהם־געזעצע איז קיינמאָהל נישט דיסקוטירט געווארען; עס איז סאַי־ווי־סאַי נישט וויכטיג; עס איז אפילו נישט אויסגעארבייט געוואָרען אויף דערלאנגען צו דער דומא. *)

געוויסע קאָנדיציאָנען געשאפען פון א צושטאנד וואָס האָט שוין עקזיסטירט, האט געמאכט נויטהיג צו מאָדיפיצירען מאנ־כע פון די רעגולאציאָנען בנוגע דער טשערטא. דאָס איז אלעס. קיין בעשטענדיגע געזעצע וועלען נישט אָנגענומען ווערען.

2 — דער אוקאז איז ארויסגעגעבען געוואָרען מיט דער האָפנונג צו קריגען אן אויסלענדישע אנלייהע. גראף א.באָבּרינסקי, א קאָנסערוואטיווער מיטגליעד פון דעם גאָסודארסטוועני סאָוועט, האָט אין א סטייטמענט צום רעדאקטאָר פון „דיען“ ערקלערט: *)

„די קאָנסערוואטיווע מיטגליעדער פון דעם גאָסודארסטוועני סאָוועט האָבען נישט אויפגעהויבען קיין שום געגנערשאפט געגען דעם לעצטען אוקאז פון דער רעגירונג, ערלויבענדיג אידען צו וואוינען ארויס

---

*) לויט דער זאגענאנטער רוסישער „קאָנסטיטוציע“ קען דער מיניס־טארען ראטה ארויסגעבען אוקאזען אין דער צייט ווען די דומא איז געשלאָסען, אָבער אין צייט פון זעקס מאָנאט מוזען אריינגעבראכט ווערען דיעזע אוקאזען אין דער דומא, אום גוט־געהייסען צו ווערען אלס געזעצע.

*) איבערזעצט אויס פראנצויזיש אין „רעפאָרם אדוואקייט“, נאוו. 13. 1915.

פון דער טשערטא. איך גלויב דאס מיר וועלען דארפען געוואהנט ווערען צום געדאנק צו זעהן אידען וואוינען אין אלע טיילען פון רוס־לאנד נאך דער מלחמה. עס קען שוין נישט זיין קיין צוריקקעהרונג צו די אלטע קאנדיציאנען.

„די נויטוועגדינקייטען פון דער מלחמה מוזען אונז אויך פיהרען גוטצוהייסען וויטע הנחות צו די אידען, ווען נאר דיא רעגירונג וועט אנערקענען די נויטהווענדיגקייטען דערפון, אום צו קענען קריגען אן אנלייהע אין אמעריקא“.

די שטעלונג פון דעם „קאלאקאל“, דער ארגאן פון ודעם „הייליגען סינאד“, שפיעגעלט עם אפ מיט פאלקאמענע אפענהערציגקייט:

„די מאכט איז ביסלעכווייז איבערגעגאנגען פון די געפאנצערטע ריצער, פון די העלדען פון שלאכטפעלד, צום פינאנץ־הויז, ווייל אין גאלד איז יעצט דא מעהר מאכט ווי אין אונערשראקענע ארגאנאטען (אונטערנעהמונגס־העלדען). אויב דייטשלאנד איבערשטייגט אונז אין בעוואפנונג און איז געווען בעסער פארבערייטעט אין יעדען אנדערען וועג, איז עס דערפאר ווייל איהר נאציאן איז עלטער ווי אונזערע, עלטער אין איהר קולטור מיט עטליכע הונדערט יאהר. דארין ליעגט אונזער שוואכקייט. אבער די אידען זיינען דאס עלטעסטע פאלק אויף דער ערד. זייער קולט איז א קולט פון גאלד און מארך. עס מאכט נישט אוים וואס זיי האבען פערגעסען זייער גלארדייכע עפאכע פון מיליטערישען העלדענטום, האבען פערגעסען ווי אזוי זיי האבען פער־טהיידיגט זייער ירושלים. עס מאכט נישט אוים וואס זיי זיינען נישט מעהר געוואהנט צו טראגען וואפען און צו ענטשיידען מיט'ן שווערד זייערע מחלוקות און שטרייטען. דיעזעס פאלק האט זיך אויסגעלערענט צוצוציהען צו זיך דאס גאלד פון דער וועלט. עס איז ווי א ספאנדזש (שוואם; גובקא אין רוסיש)... עס האט זיך אויסגעלערענט פארזיכטיג־קייט און פאראויסזעהונג, און איז ארגאניזירט אין א מעכטיגע אינטער־נאציאנאלע קראפט. אונטער די צושטענדע פון דער יעצטיגער מלחמה זיינען די אידען א מאכט, מיט וועלכע נישט צו רעכענען זיך וואלט געווען פאליטיש בלינד. וואלט עס ניט געווען פארציגליך פאר רוסלאנד אריינצוואווארפען אין איהר וואגשאל דיעזע גאלד־ניסלאך, דיעזע

ביליאָנען פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַנקיערען?... *)

די נאַאיוויטעט פון דיעזען סטייטמענט ווערט אויסגעלאַכט פון דער ליבעראַלער פּרעסע, מיט פּעטראָגראַדער „רעטש“ אָן דער שפּיצע. די „רעטש“ בעמערקט: „עס איז שווער פאר די נעכטיגע אַנטיסעמיטען צו גיעסען נייעם וויין אין אַלטע פלעשער“. די שרעק־בילדער (טשוט־שעלא) פון „אידישע פריימויערער“, די „אַלוועלטליכע קהלה“ און נאָך אַזעלכע מיטלען ,האַלטען נאָך אין טויטשרעק די רעדאַקטערע פון „קאָלאָקאָל“, אָבער אַנשטאָט צו שרייען: „די אידען זיינען שטאַרק; צושמעטערט זיי!“ שרייען זיי יעצט: „די אידען זיינען שטאַרק; גיט זיך אונטער צו זיי!“ עס פאַלט זיי גאָר ניט איין צו דענקען, דיזע נייע בעקעהרטע, דאָס די אידען פראַגע איז בלויז א פראַגע פון עלעמענטאַרישע בירגערליכע אַנשטענדיגקייט. **)

די וויכטיגקייט פון דיעזע ציטאַטען וועט בעגריפען ווערען, ווען מיר וועלען עראינערען, דאס די ליבעראַלע פּרעסע שפּיגעלט אָפּ די אידעאַלען פון די רוסישע מאסען, פּונקט ווי דער „קאָלאָקאָל“ שפּיגעלט אָפּ די האָפנונגען און שרעקען פון דער רוסישער רעגירונג.

---

3. — דער אוקאַז איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אונווילענדיג, מיט פערביטערטע בעשרענקונגען, וואָס בעאיינדרוקען נאָך מעהר די ערניעדערטע פּאָזיציאָן פון דיא אידען.

די אידען זיינען אפילו אונטער די פּראַוויזיאָנען פון דעם נייעם אוקאַז נאָך אַלץ אויסגעשטויסען פון אַלע דערפער, פון די צוויי הויפּט־שטעדט פּעטראָגראַד און מאָסקווא, פון געגענדען וואו עס געפינען זיך צאַרסקע רעזידענצען און פון די אָבלאַסטען דאָן און טורקעסטאַן, וואָס זיינען אונטער דער פערוואַלטונג פון דעם קריעגס מיניסטעריום. דיעזע בעשרענקונגען זיינען פון אַלע ליבעראַלע עלעמענטען פון דער אימפּעריע פערדאַמט געוואָרען אַלס אונזיניג. די „רוסקאָיע סלאָוואָ“ פון 13טען אויגוסט 1915 ערקלעהרט:

„פון היינט אָן מעג א איד וואוינען אין קאַלוגאַ, אָבער ניט אין

---

*) „רעטש“, אויג. 9. (22) ,1915.

**) דיזעלבע קוועלע.

טאַשקענט; אין יעקאטערינאָדאַר טאָהר ער נישט וואוינען, אין ניזשני מעג ער יא. עס איז זעהר שווער צו געפינען עפּעס א זינען אין אזעלכע אויסנאהמען אפילו פון דעם שווארץ־מאה׳דיגען שטאנדפּונקט. אויב איהר זאָלט פרעגען מארקאָוו דעם 2טען (דער פיהרער פון דיא שווארצע) אין וועלכע שטעדט מען דארף אריינלאָזען אידען — אויב אין ניזשני אדער טאשקענט, וועט ער קודם כל געוויס ענטפערען אז אין ביידע נישט. ווען מען זאָל איהם אָבער פעסט שטעלען די „דרינגליכע נויטהווענדיגקייט“, וואָלט ער געוויס געבען דעם פאָרצוג צו טאַשקענט, וועלכע איז שוין סאַי־ווי־סאַי פול מיט פרעמדע נאציאָנאַליטעטען.

„און טאקי צו ווענען, אויסער מארקאָוו דעם צווייטען און זיין מין, וועלען דיעזע אויסנאהמען און בעשרענקונגען געבען עפּעס הילפע אדער טרויסט? צום ביישפּיעל, אז מיר זאלען ערלויבען אידען פריי ארומצופאָהרען איבער דעם לאנד; ווען מיר זאָלען, צום ביישפּיעל, יא ערלויבען א אידישען שניידער, א שמיעד אדער א סוחר, אין דאָרף וואו עס איז יעצט נישטאָ קיין איינציגער איד — ניט אפילו א שטיקעל איד — נון, וואָלט עס דען געווען אזא גרויסער אונגליק?“

---

4. — אין פּראַקטיק ווערט דער אוקאז אָפט איגנאָרירט אָדער אויסגעמיעדען דורך די לאָקאלע בעאמטע.

דער גובערנאטאָר פון סמאָלענסק האָט פּאָרטגעזעצט די ארויסטרייבונג פון אידען וואָס זיינען אריין אין זיין גובערניע, ניט קוקענדיג אויף דעם געזעץ אין קיעווער גובערניע האָט מען זאָגאר נישט געוואָלט ערלויבען צו פערעפענטליכען דעם מיניסטאָרישען אוקאז ביז אין מיטען סעפּטעמבער, ארום זעכס וואָכען נאָך זיין אָפיציעלע ארויסגעבונג, און איגנאָרירט איהם די גאנצע צייט. כמעט אין אלע אנדערע גובערניעס פון דער אימפּעריע איז דיא אדמיניסטראציאָן פון דעם אוקאז געגצליך אָבהענגיג אָן דעם קאפּריז פון די לאָקאלע גובערנאטאָרען. לעצטע מיטטהיילונגען ברענגען בעריכטע פון אידישע אויסווייזונגען פון קאווקאז, טאָמסק, וולאדיוואָסטאָק און פיעל אנדערע שטעדט

און פּראָווינצען אין וועלכע אידען ווערען ערלויבט צו וואוינען, לויט דעם מיניסטאַרישען אוקאַז *).

אין פיעלע פלעצער האָבען די לאָקאַלע בעאַמטע זאָגאַר גענומען די געלעגענהייט פון דעם נייעם אוקאַז צו רויבען פון די אידען די רעכטע, וואָס זיי האָבען געהאַט אונטער די אַלטע געזעצען. אין סאַ-ראַטאָוו, צום ביישפּיל, האָבען זינט 1893 אַ קליינע צאָהל אידישע קויפלייט, פּראָפעסיאָנעלע און אַרבייטער געמעגט וואוינען און אַנהאַל-טען בעשעפטיגונגען, לויט די בעדינגונגען פון אַ ספּעציעלען אוקאַז פון יענעם יאָהר. אַבוואָהל אין אַלגעמיין איז סאַראַטאָוו, זייענדיג אַרויס פון דער טשערטאַ, געשלאָסען פאַר אידען. די רעגולאַציאָנען האָבען אָבער געפאָדערט, דאָס די אידען מוזען קריגען בעזונדערע פּאַספּאָרטען פון דער פּאָליציי צו בעשטעטיגען זייער וואוינרעכט אין סאַראַטאָוו און בעזונדערע ערלויבניסען. וואָס די לאָקאַלע לייסענס-באָארד פלעגען זיי אַרויסגעבען אויף דיזע פּאַספּאָרטען, אום זיי זאָלען קענען אַנהאַל-טען זייערע בעשעפטיגונגען.

יעצט אָבער, ווען די טשערטאַ איז שוין „אָפּגעשאַפט“, האָבען די פּאָליציי-בעאַמטע אויפגעהערט אַרויסצוגעבען זייערע ספּעציעלע פּאַספּאָרטען, ערקלערענדיג, דאָס אַזוי ווי די אידען האָבען שוין דאָס רעכט צו וואוינען איבער דער גאַנצער אימפּעריע, איז שוין ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט פיר אַזעלכע פּאַספּאָרטען. די לייסענס-באָארדס פאָ-דערן אָבער דורכאויס נאָר אַזעלכע פּאַספּאָרטען און ענטזאָגען זיך צו געבען אידען לייסענס פּאַרטצווענצען זייערע בעשעפטיגונגען. אַזוי הייסט עס, אַז די אידען פון סאַראַטאָוו האָבען יעצט דאָס געזעצליכע רעכט צו לעבען אין סאַראַטאָוו, אָבער מען פערלייקענט זיי דאָס גע-זעצליכע רעכט צו האָבען פון וואַנען צו לעבען **).

---

5. — די אַרויסגעבונג פון דעם אוקאַז אָפּשאַפענדיג די טשער-טאָ, וואָס זיין כונה איז געווען צו פערפיהרען די עפענטליכע

---

*) „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן“, נאָוועמבער 8 (21), 1915.

**) „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן“, אָקטאָבער 25 (נאָוו. 7), 1915, און נאָוו. 8 (21), 1915, און אַנדערע נומערן.

מייגונג און דערמיט געווינען די סימפאטיע פון דער ציוויליזירט־ער וועלט, האט נישט פערפיהרט דעם רוסישען פאלק.

דאס איז קלאהר בעוויזען געווארען דורך די טיפישע אויסדריקע פון עדיטאריעלע מיינונגען, וואס מיר גיעבען דא, און ביי דיעזען פונקט איז פיעלייכט ווידער וויכטיג אויפמערקזאם צו מאכען דעם אמעריקאנ־ער לעזער, דאס אין רוסלאנד מוז די פרעסע וועגען איהרע ווערטער מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט, ווייל דער מינדעסטער עדיטאר־יעלער פאלשער שריט קען פיהרען צו געפעהרליכע פאלגען.

די „רוסקאיע סלאווא" פון 13טען אויגוסט 1915, פערדאמט דעם אוקאז אלס א האלב־וועג מאסרעגעל, אלס א טוישונג פון איין טשערטא אויף א צווייטע —„אפילו ווער די נייע טשערטא איז שוין גרעסער ווי די אלטע". זי פארדערט **דיא פולע אבשאפונג פון דער טשערטא— „דאס גרעסטע אונגליק פון דעם רוסישען לעבען"**.

„צום אונגליק — שרייבט די „רוסקאיע סלאווא" — **זיינען** מיר געגייגט צו ווידערהאלען צו אפט אונזערע טעות'ן. ווען מיר גיעבען זיך שוין אונטער צו די לעבענס פארדערונגען, טהוען מיר דאס ענט־ווערער צו שפעט, אדער מיט אזא אונבעשלוס און אזוי גייציג, דאס צום סוף, אנשטאט ארויסצורופען אמת'ע צופרידענהייט, רופען זיי ארויס א געפיהל פון מיספערשטענדנים אדער פראדוצירען א ווירקונג וואס איז פונקט דער היפוך דערפון וואס איז בעאבזיכטיגט געווארען. א טהאט קען זיין ווירקזאם און טהייער און ערוייכען די העכסטע ציעלען נאר דאן, ווען זיא ווערט געטהאן אין דער ריכטיגער צייט, מיט שמחה, פראנק, אפענהערציג און מיט בעשלוס — ווי עס איז פאסענד פאר א רעגירונג וואס איז שטארק און זיכער אין זיך אליין."

די פעטראגראדער „רעטש", די גרעסטע ליבעראלע רוסישע טעגליכע צייטונג, ווייזט אן דעם 20טען אויגוסט 1915, דאס דער אוקאז איז בלויז צייטווייליג און מוז לעגאליזירט ווערען דורך געזעצליכע איינפיהרונג (דורך דער דומא) אין צייט פון זעכס מאנאט. זי האפט דאס דיעזע געזעצליכע איינפיהרונג וועט נישט איבערלאזען די אבסורדע בעשרענקונגען פון דעם אריגינעלען אוקאז.

„אויב עס איז ענדליך שוין אנערקענט געווארען אלס נויטהווענ־דיג אפצושאפען דעם שאנדפלעק, די טשערטא, דארפען מיר נישט איבערלאזען דערפון אפילו קיין פינטעלע. פון א מאראלישען שטאנד־

פונקט — און אפילו אַן אימפעריע מוז האָבען א שטאַנדפונקט — איז א קליינער אונטערשיעד אויב א מענש איז געשמידט מיט א לאנגע קייט אָדער מיט א קורצע. **עס דאַרף גאָר נישט זיין קיין קייט.**"

דאס זעלבע קלינגט אויך אָפּ אין פעטראָגראדער „קוריער":

„אויב עס איז דאָ אפילו איין ווינקעל אין רוסלאנד וואוהין אידען וועלען נישט ארייננעלאזט, בליבט נאָך דיא טשערטא, קיין אונטערשיעד וועלכע ארגומענטס מען זאָל בענוצען און קיין אונטערשיעד וואָס פיר א פערשפּרעכונגען מען זאָל געבען וועגען צוקונפטיגע „פּריווילעגיען". א פּרינציפּ קען נישט געמאָסטען ווערען לויט קוואנטיטעט. דער שריט וואָס איז ביז יעצט גענומען געווארען איז בלויז אַן אנפאנג, און דאָס לעבען פאָדערט אז עס זאָל געענדיגט ווערען. אויסער דאָס „רעכט צו לעבען" זיינען פאראן נאָך אנדערע רעכט וואָס ענטשטעהען דערפון — דאָס רעכט צו לערנען אין שולען, צו מאכען געשעפטען, צו בעזיצען אייגענטהום און צו זיין פריי אויסצוקלייבען וועלכע בעשעפטיגונג מען וויל".

אפילו דער עקסטרעמער רעאקציאָנערער אָרגאַן „קאָלאָקאָל", וועלכער האָט ביז יעצט געהאלטען אין איין גוואלדעווען דאָס די „עכט רוסישע לייט" זאָלען בעשיצט ווערען פון אידישע קאָנקורענץ, דורך פערהאלטען די אידען אין דער טשערטא, ערקלערט יעצט:

„שאפט אָפּ די טשערטא אינגאנצען. אפילו יעצט איז זי נישט מעהר ווי א זיפּ. אלעם פון ריכטיגע פעהיגקייט אין יודענטהום, יעדע אידישע פאקולטעט געשארפט פיר דעם קאמפף פאר עקזיסטענץ, דרעהט זיך לייכט אויס פון דער טשערטא. דיעזע בעשטענדיגע נויטהווענדיגקייט אויסצודרעהען זיך פון דעם געזעץ מאכט נאָר די אידען קאָרופּט און פערביטערט". *)

די מענשען וואָס זיינען מייסטענס בעריהרט, די זעקס מיליאָן אידען אין רוסלאנד, האָבען אויפגענומען דעם „בעפרייאונגס אוקאז" מיט טיעפען מיסטרויען. זייער גרעסטע דאגה איז נאָר געווען אז די נייעס וועגען דיעזען אוקאז זאָל פערבלענדען די אויגען פון זייערע גלויבענס-ברידער אין אויסלאנד. ביי א נאציאָנאלען צוזאמענפאָהר

*) ארויסגענומען פון „רעטש", אויגוסט 9. (22) 1915.

פון אידישע פובליציסטען און רעליף טהוער אין פעטראָגראַד, זיינען די פאָלגענדע רעזאָלוציאָנען אנגענומען געוואָרען:

„מיר ווילען נישט אז אונזערע ברידער אין אנדערע לענדער זאָלען קריגען א פאַלשען איינדרוק וועגען אונזער שטעלונג צום אוקאַז וועגען דער טשערטא אַבשאַפונג... דיא ערלויבנים צו וואוינען אין שטעדט ארוים פון דער טשערטא העלפט נישט אויף קיין אופן צום איבעל, העלפט נישט צו די דרינגענדע נויטהווענדיקייטען פון אונזער צייט, און בעריהרט נישט אויף קיין אופן די געזעצליכע בעשרענקונגען וואָס זיינען אין קראַפט געגען די אידען... אויסדריקענדיג אונזער טיעפסטען צאָרן אויף דער ערנידערונג און פערפאָלגונג צו וועלכע די אידען זיינען אונטערוואָרפען זייט דעם אנפאַנג פון דער מלחמה, ער־קלעהרען מיר דאָס די רעגירונג קען טהאָן גערעכטיגקייט צו די אידען און פערמיידען ווייטערע פערפאלגונגען נאָר דורך דער געזעצליכער און אונקאָנדיציאָנעלער אפּוואַרפונג פון אלע בעזאנדערע אויסנאַהמס געזעצע.“

דאס הויפּט רוסיש־אידישע וואָכענשריפט „יעווריעיסקאַיא זשיזן“, פון 23־טען אויגוסט 1915, האָט אין א לייט ארטיקעל ערקלעהרט:

„ווען דיעזער אוקאַז וואָלט אָנגענומען געוואָרען אין יולי אָדער אויגוסט 1914, וואָלטען מיר איהם עמפּפאַנגען מיט צוטרויען און מיט פרייד. דאַמאָלס זיינען די אידען געווען בערייט צו שעצען יעדע פּאָלי־טישע הנחה און האָבען געקוקט אויף יעדע זאַך ווי אויף אַן אָנפאַנג פון א נייע עפּאָכע. יענע נייע עפּאָכע איז אָבער געקומען, אָבער, אַך! פון וואָס פאַר א פערשידענעם כאַראַקטער! פּעריאָדען פון בלבולים און טויט־שרעקען; אין קאָוונאַ גירושים און אין קוזשי בלבולים, און דאָס פּאָלק איז געוואָרען פערצווייפעלט. דיעזע האַלבע הנחה פון די מיניס־טאַרען,טראָץ איהר פּראַקטישע וויכטיגקייט, קען נישט אויפלעבען די אידען, און די הויפּט אורזאַכע ליעגט אין דעם פאַקט וואָס דיעזער אוקאַז טראָגט נישט קיין שום נייע אנשויאונג וועגען דעם ווירקליכען סוביעקט — וועגען דער יודענפראַגע. דער אוקאַז איז נאָר א לייכטע הילפע אין דעם צושטאַנד פון די בירגער וואָס האָבען קיין רעכט און וואָס בלייבען אָהן רעכט... די אידען, ווערען בעטראַכטעט, אין דעם נייעם אוקאַז, אלס בירגער פון צווייטע קלאַסע. מיר פערבלייבען פּאַר־

יאהס (בירגער פון געמיינסטען שטאנד) פון וועלכע עפּעס מוז צוריק־ געהאלטען ווערען, פאר וועלכע דערפער דארפען געשלאסען ווערען מיט מורא, און פאר וועלכע די אויסערוועהלטע צענטערס מוזען געשלאָסען ווערען מיט א געפיהל פון עקעל... דער עלעמענט פון אונ־ טערשיעד צווישען אידען און אנדערע בירגער ווערט נאָך שטארקער בעאיינדרוקט. דער פּרינציפּ פון גלייכע רעכטע פאר אידען איז גישט פערווירקליכט געווארען און אָהן דעם קענען קיינע מאט־ ריעלע נוצען וואָס ווערען פערשפּראָכען דורך דעם נייעם אוקאז, גישט ערריייכען די נשמה פון דעם פאָלק. נאָר אנערקענונג פון דאָס רעכט פון די אידען צו אלע רעכטע פון דעם רוסישען בירגערטהום וועט צושמעלצען דעם אייז פון דער קאלטער ענטטוישונג וואס האט פערגליווערט אלע רוסישע אידען.“

צולעצט, לאָמיר אויך ציטירען דעם בּיהרענדען ארטיקעל פון דעם בעריהמטען אידישען היסטאָריקער סימאָן דובנאָוו אין דער „יעוורעיס־ קאיא נעדעליא“, סעפּטעמבער 1915, פערדאמענדיג די היפּאָקריטסט־ ווא פון דער רעגירונג און פאָדערענדיג די באלדיגע אָבשאפונג פון אלע אידישע אויסנאהמס געזעצע:

„עס איז שוין א גאנצער יאָהר, זייט די צושראָקענע געזיכטער פון דיא „ארעסטאנטען“ זיינען ערשיענען דורך די גראטעס פון יענער גיגאנטער טיורמע וואָס איז בעוואוסט אלס „די אידישע טשערטא.“ א טהייל פון דער טיורמע איז שוין געווען ארומגעוויקעלט אין די מלחמה פלאמען און די גאנצע געביידע איז געווען אין געפאהר. די ארעסטאנטען אין זייער טויט־שרעק האבּען געקלאמערט מען זאָל עפענען די טיהרען. מען האָט זיי ארומגעטריעבען פון איין טהייל פון דער טיורמע צו דער אנדערער, אָבער די טיהרען זיינען געבליבען גע־ שלאָסען. דעם אויפזעהער'ס ענטפער אויף זייערע בקשות איז געווען, אז עס איז אונמעגליך זיי צו בעפרייען אפילו אין מלחמה צייט, ווייל שפּעטער וועט זיין שווער זיי צוריקצוכאַפּען!

„צולעצט זיינען די וועכטער געווען געצוואונגען צו עפענען אביסעל דיא טיהרען און ארויסלאָזען א טהייל פון דיא בעטויבטע, האלב־דערשטיקטע ארעסטאנטען; אבער אפילו דאן, זיינען זיי קאראנ־ טירט געווארען אין דריי גובערניעס, וואָס זיינען באלד געווארען איבער־ פילט מיט פליכטלינגע; און נאָר יעצט, ווען דער גרעסטער טהייל פון

דער טשערטא מיט א אידישע בעפעלקערונג פון צוויי מיליאָן, איז געוואָרען אויסלענדישע באָדען — נאָר יעצט זיינען די טהויערען פון די געפאקטע טיורמעס געעפענט געווארען און מען לאָזט ארויס מיט פאָרזיכטיגקייט די ארעסטאנטען...

„אויב אונזער ווייטערע בעפרייאונג זאָל אָנגעהן מיט דעמזעלבען שריט, וועלען מיר ערדייכען פולע פרייהייט נאָר נאָך אונזער פאָלקאָמענע פערניכטונג...

„דאס שטיקעל טובה ווערט אונז צוגעווארפען אונטער קאָנדיציאָנען, אינערליכע און אויסערליכע, וואָס בעאיינדרוקען גאנץ שארף איהר געצוואונגענעם כאראקטער. דער אוקאז איז נישט א שריט פיר בענייאונג; עס איז פונקט ווי צוגעווארפען א שמאטע צום קרבן, נאָכדעם ווי מען האט פון איהם אוועקגענומען זיין לעצטע העמד. דיעזע פערשפעטיגטע, טהיילווייזע פריווילעגיום מוז ערנינערען דעם איד, דאָס פון אלע נאַציאָנאליטעטען אין רוסלאנד — נישט אויסגענומען אפילו די האלב־ווילדע שטאמען — האָט ער אליין זיך גענויטהיגט אין אזא טובה.

„ביי דיעזע צייט פון טיעפסטען טרויער אויף די קברים פון טויזענדע פון אונזערע בריעדער וואָס זיינען געפאלען קרבנות ניט נאָר פון דעם שונא׳ס שווערד, זאנדערן אויך פון רציחות אין אונזערע אייגענע גרענעצען, צווישען די רואינען פון אונזערע שטעדט, קענען אונזערע הערצער זיך נישט פרעהען איבער דער בעטלערישער נדבה וואָס איז אונז צוגעווארפען געווארען. אין שטילקייט וועט אונזער פאָלק אָננעהמען דיעזע צרות׳דיגע מתנה פון דיאיעניגע פון וועלכע עס איז געוואָהנט צו קריגען נאָר קלעפ; אָבער עס וועט, ווי אימער, פאָדערען גאנץ הויך מען זאָל אומקערען איהם דיא יעניגע רעכטע פון וועלכע עס איז בערויבט געווארען.“

אנדערע וואוינרעכט בעשרענקונגען.

(א) אין דער טשערטא. — אָבוואָהל אָנפאנגס האָט מען די אידען געגעבען דאָס רעכט צו וואוינען איבעראל אין דער טשערטא גופא, איז

דיזע פּריווילעגיע בּיסלאַכוויז בּעשרענקט געוואָרען, בּיז צולעצט זיי־נען די אידען פערשפּאַרט געוואָרען נאָר אין די שטעדט און גרעסערע שטעדטלאַך. דורך דעם געזעץ פון 3טען מאַי 1882, זיינען די אידען פערבּאָטען געוואָרען צו בּעזעצען זיך אין דערפער אין דער טשערטאַ. דורך דעם געזעץ פון 29טען דעצעמבּער 1887 זיינען זיי פערבּאָטען געוואָרען אַריבּערצופאַהרען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער. — דורך געריכטליכע און אַדמיניסטראַטיווע אויסטייטשונגען זיינען שטעדטלאַך גאַנץ אָפט ערקלערט געוואָרען אַלס דערפער, און די אידען זיינען אַרויסגעטריבּען געוואָרען איבּער נאַכט. די אונטערסטע שורה דערפון איז געווען, דאָס די גאַנצע אידישע בּעפעלקערונג איז פער־פּאַקט געוואָרען אין די שטעדט.

אַבּוואָהל די אידען צעהלען בּלויז 12 פּראָצענט פון דער אַלגע־מיינער בּעפעלקערונג פון דער טשערטאַ, פאָרמירען זיי 41 פּראָצענט פון דער שטאָדטישער בּעפעלקערונג. אַזוי ווי דיזע ענגשאַפט האָט געשאַפען אַ שרעקליכע קאָנקורענץ, וואָס האָט אַנגעמאַכט אַ דלות און רעדוצירט דעם לעבּענס־שטאַנד צו דער נידריגסטער מדרגה, האָ־בּען פיעלע אידען אוים נויטה געמוזט פּרובּירען צו ענטלויפען טיפער אין רוסלאַנד, וואו זיי האָבּען זיך געקענט אויפהאַלטען נאָר דורך דעם וואָס די קאָרופּטע פּאָליציי פלעגט זיך לאָזען שמירען, אום זיך צו מאַ־כען ניט זעהענדיג. און אפילו אונטער דיזע אומשטענדען פלעגען אויך פאָרקומען פיעלע רעידים (אַבּלאַוועס, יאַגדען) אין מיטען נאַכט אָדער בּעגינגען צו טאָג, בּעגלייטעט פון דער שרעקליכסטער בּרוטאַלי־טעט, און דאָס לעבּען פון דיזע אונגעזעצליכע איינוואוינער איז געווען פון בּעשטענדיגע מורא און ציטערנים.

(ב) אַרויס פון דער טשערטאַ. — די פּריווילעגירטע פינף פּראָ־צענט, וואָס האָבּען געקראָגען דאָס טהעאָרעטישע רעכט צו וואוינען און רייזען איבּער דער גאַנצער אימפּעריע, זיינען אויך בּעשטענדיג גע'רודף'ט געוואָרען דורך די אַרבּיטראַרישע פּאָליציייסקע און געריכט־ליכע מיטלען, וואָס האָבּען כמעט צו גאָרניט געמאַכט זייער פּריווי־לעגיע. דיזע קלאַס בּעשטעהט פון די פאָלגענדע:

האַנטווערקער. ערלויבּט וואוינרעכט נאָך דעם געזעץ פון 1865: אָבּער בּעשטענדיגע בּעשרענקונגען און נייע אויסטייטשונגען האָבּען

רעדוצירט די צאָהל פון אידען וואס געניסען פון דיעזען געזעץ צו א גאנץ קליינע פראקציאָן פון דער אידישער בעפעלקערונג.

ערשטע גילדע קויפלייטע, זיינען ערלויבט צו פערלאזען די טשערטא נאָך פינף יאָהר מיטגליעדערשאפט אין דער גילדע, און זיי דארפען צאָהלען א יעהרליכע טעקס פון 800 רובעל צעהן יאָהר צייט נאָכ'ן פערלאָזען די טשערטא. זייער צאָהל איז אימער געווען קליין און איז נאָך מעהר רעדוצירט געווארען דורך דער פאָליציייסקע שווינדלען, ביז צולעצט איז זי כמעט ווי גאָר נישט.

גראַדואירטע פון העכערע שולען— דיא אפעראציאָן פון דער „נאָרמע" (פראָצענטען פון אידישע שילער אין די בילדונגס־אנשטאלט־ען דיעזע צרות'דיגע מתנה פון דיא יעניגע פון וועלכע עס איז געוואָהנט

פראָסטיטוטקעס.— אידישע פרויען וואָס ווערען פראָסטי־טוטקעס קריגען דאָס רעכט צו וואוינען ארוים פון דער טשערטא.

2.—בעשעפטיגונגס בעשריינקונגען.

די עפענטליכע דיענסט פון אירגענד וועלכע פון די פּאָליטישע אבטהיילונגען, איז כמעט געשלאסען פאר אידען. אידען טאָהרען נים זיין קיין לעהרער, אויסער אין אידישע סקולס. זיי טאָהרען אויך נישט זיין קיין פארמערס. דיעזע קינסטליכע בעשריינקונגען צווינגען די אידען זיך צו נעהמען מייסטענס צו האנדעל און האנדווערק, וואָס דערמיט איבערפילען זיי די רייהען פון דיעזע צוויי קלאסען.

3.— אייגענטהום בעשרענקונגען.

אידען טאהרען נישט קויפען אדער פערקויפען, רענטען, ליעסען, אדער אפילו פערוואלטען לאנד אדער ריעל עסטייט ארוים פון דער טשערטא, אדער ארוים פון די שטאָדט־גרענעצען (סיטי לימיטס) אין די טשערטא גופא. די האנדווערקער וואָס האבען דעם פריווילעגיום צו ארבייטען ארוים פון דער טשערטא, טאָהרען אונטער קיינע אומשטענד־ען דאָרט אייגענען זייערע היימס. דאָס בעזיץ פון אייגענטהום, דירעקט אינדירעקט, אין מינען אדער אויל פעלדער, איז אויך פאר אידען פער־באָטען.

4.— פינאַנציעלע לאַסטען.

די אידען צאָהלען אויסער זייערע נאָרמאַנע טעקסעס, א ליכט שטייער (סוועטשני סבאָר) פיר דער אונטערשטיצונג פון אידישע שוהלען, און א פלייש שטייער (קאָראָבקא), וועלכע זיינען אָריגינעל בעשטימט געוואָרען פיר אידישע רעליגיעזע צוועקען, אָבער אין פראַקטיק ווערען דיעזע געלדער פערוועגדעט פיר אלגעמיינע, ניט־אידישע צוועקען און ווערט זאָגאר בענוצט, טהיילווייז, פיר דער אויספיהרונג פון די פאָליציייסקע גזירות געגען די אידען.

5.— בילדונגס בעשרענקונגען.

אידען ווערען נישט אריינגענומען אין העכערע בילדונגס אנ־שטאַלטען, אויסער אין פראָפאָרציאָנען פון 3 ביז 15 פראָצענט פון דער צאָהל פון ניט־אידישע שילער. (פאר גימנאזיעס, האי סקולס, 10 פראָצענט אין דער טשערטא, 5 פראָצענט ארויס פון דער טשערטא; אין פעטערסבורג און מאָסקווא בלויז 3 פראָצענט. אין די אוניווערסיטעט־עטען איבער דער גאנצער אימפעריע בלויז ארום 3 פראָצענט.)

א מיניסטאָרישער אוקאז, ארויסגעגעבען אין אויגוסט 1915, ערלויבט די קינדער פון אלע אידען וואָס זיינען אקטיוו אין דער מלחמה, אריינצוקומען אין אלע בילדונגס אנשטאַלטען אין דעם לאנד ניט אכטענדיג אויף דער פראצענטען־נאָרמע. אין פראקטיק ווערט אָבער דיעזער אוקאז, פונקט ווי דער אוקאז אבצושאפען דיא טשערטא, אויסגעטייטשט אויף פערשידענע אופנים פון די לאָקאלע בעאמטע, און די אונטערשטע שורה איז, דאס דער אוקאז ווערט איגנאָרירט.

דער רעזולטאט פון דער פראָצענטען נאָרמע וואָס ווערט אָנגעווענ־דעט געגען אידען אין די העכערע שולען און אוניווערסיטעטען איז, דאָס אין די שטעדט וואו אידען זיינען צוזאמענגעפאקט לויט די וואוי־נונגס־געזעצע און וואו זיי פאָרמירען א גאנץ גרויסען טהייל, אדער זאָגאר א מאַיאָריטעט פון די איינוואוינער, רויבט מען פון דער אידיש־ער יוגענד די מיטלען צו קריגען א העכערע בילדונג. אין ווארשוי פאָרמירען די אידען 36.30 פראָצענט פון דער בעפעלקערונג, אין לאדז 47.59 פראצענט, אין לאָמזשע 39.42, אין קאָוונא 54.60, אין ווילנא 40, אין גראָדנא 52.45, אין ביאליסטאָק 65.62, אין ברעסט־ליטאָווסק 78.81, אין פינסק 80.10, אין בערדיטשעוו 52. 87 פראָצענט — דאָך

קענען אין די אלע שטעדט אריינקומען אין די העכערע שולען נישט מעהר ווי די בעשטימטע „נאָרמע".

אויסער דיעזע בעשרענקונג, זיינען פיעל העכערע שולען — ווי די שול פון מיליטערישע מעדיצינישע היגענע, פון אייזענבאהן אינזשינירינג, פון עלעקטריציטעט, א. ז. וו. — גענצליך געשלאָסען פאר אידען. אפילו קאָמערץ שולען וואָס ווערען אויפגעהאלטען פון די גילדען, נעהמען אריין אידישע שילער בלויז אין דער פּראָפּאָרציאָן פון דער אידישער מיטגליעדערשאפט.

די רעגירונג בעשרענקט אויך דיא גרינדונג פון העכערע שולען אונטער אידישער אויפזיכט. אין 1884 האָט זי געשלאָסען דעם טעכנישען אינסטיטוט פון זשיטאָמיר (געגרינדעט אין 1862) אויף דעם גרונד, דאס אין די זידוועסטליכע טשערטא פּראָווינצען פאָרמירען דיא אידען א מאַיאָריטעט פון די האנדווערקער, און א ספּעציעלע אידישע טעכנישע שול וועט דיעזע צאָהל נאָך פערמעהרען. אין 1885 האָט זי געשלאָסען דעם לעהרער אינסטיטוט (א בעריהמטער צענטער פון אידישע לעהרען) אונטער דעם אויסרייד אז „עס איז נישטאָ קיין ווייטערע נויטהווענדיגקייט פאר אזא שול."

די פאָלגען פון דיעזע בעשרענקונגען זיינען דאָס צווישען די אידען איז אימער א גרויסער אריינצוקומען אין בילדונגס אנשטאלטען. עלטערען ווענדען אָן יעדע מעגליכקייט אריינצושטופּען זייערע קינדער אין די שולען. פיעלע עמיגרירען נאָך די שווייץ, נאָך דייטשלאנד און פראנקרייך, אום דאָרט צו קריגען א העכערע בילדונג און דערנאָך קומען זיי צוריק נאָך רוסלאנד און טרעטען אריין אין דעם פּראָפעסיאָנעלען לעבען. די רעכענונגען צייגען דאָס ארום 3.000 אידישע סטודענטען וואנדערען אוים יעדען יאָהר פון רוסלאנד, אום אריינצוטרעטען אין די אויסלענדישע אוניווערסיטעטען.

6. — מיליטער דיענסט.

די אידען פאָרמירען בלויז 4.05 פון דער בעפעלקערונג פון דער רוסישער אימפּעריע, אבער די פּראָפּאָרציאָן פון אידען וואָס ווערען גענומען צום יעהרליכען פּריזיוו איז ביים אויסברוך פון דער רוסישיאפּאנישער מלחמה געשאצט געווארען אין 5.7 פּראָצענט. דיעזעס קומט דערפון וואָס די געזעצע מאכען פיעלע אויסנאהמען לטובת ניט-אידען, אבער אידען געניסען נישט פון דיעזע אויסנאהמען. אין דער ארמעע קען קיין איד נישט דערדיענען זיך צו א העכערען ראנג

ווי קאַרפּאַראַל. א שטראָף פון 300 רובעל ווערט ארויפגעלעגט אויף יעדע אידישע פּריזיוו־פּעהלונג, און די גאנצע פאמיליע, זאָגאר די קרובים פון דער ווייב'ס צד, זיינען דערפאר פאראנטווארטליך.

די רעזולטאטען פון דיעזע אונטערדריקונגען און פערפאָלגונגען זיינען גוט בעוואוסט. פּאָליטיש רעכטלאָז, סאָציאַל און עקאָנאָמיש ערנידערט, האָט די אידישע בעפעלקערונג אין איהר חושך'דיגע טשער־טא ענטוויקעלט צרות און דלות. די האנדעלסלייטע האָבען זיך געמוזט נעהמען צו מורא'דיגע קאָנקורענץ. ארבייטער אין די איבערפילטע רייהען פון די אינדוסטריען מוזען ארבייטען פאר הונגערלוין. די מייסטע אידישע היימען אין רוסלאנד זיינען צרות'דיגע כאלופּקעס, אָהן לופט און אָהן ליכט. אין גרויסע שטעדט איז די פּראָפּאָרציאָן פון בעטלערס א פינפט־חלק פון דער אידישער בעפעלקערונג. אין אָדעס זיינען אין 1900 פון א בעפעלקערונג פון 150.000 אידען געווען נישט ווייניגער ווי 48500 וואָס האָבען געמוזט אונטערשטיצט ווערען פון צדקה; 63 פּראָצענט פון די טויטע האָבען געמוזט בעערדיגט ווערען גאָר אָהן געלט און נאָך 20 פּראָצענט פאר די ביליגסטע בערעכנונג. אין יעקאטערינאָסלאווער, בעסאראביער, טשערניגאָווער, פּיעטראָקאָווער און סעדליצער גובערניעס זיינען די פסח'דיגע צדקה־נעהמער (מעות חיטים) אין די לעצטע 4 יאָהר געשטיגען פון 41 פּראָצענט אויף 46 פּראָצענט.

דער אויסברוך פון דער מלחמה.

אין אזא הינטער־גרונד פון אימער וואכסענדע פערפאָלגונגען און צרות איז אויף די אידען אָנגעקומען דיעזע גרויסע מלחמה. זיי האָבען עס אנגענומען לטובה אלס לאָיאַלע רוסישע בירגער, און נישט אָהן האָפנונג אז די מלחמה זאָל ברענגען עפּעס א פערבעסערונג אין זייערע צושטענדע.

די קהלות פון פּעטראָגראד, אדעס און אנדערע שטעדט האָבען אפיציעל געשיקט גרויסע סומען אין גאָלד פיר די רעזערוויסטען; האָבען געגרינדעט האָספּיטעלער פיר די פערוואונדעטע, אָהן אונטער־

שיעד פון ראסע אדער גלויבען; האָבען אָפּגעהאַלטען גרויסע פּאַט־ריאָטישע דעמאָנסטראַציאָנען אין די שוהלען, ביי וועלכע די רבנים און ראשי הקהל האָבען אַפּעלירט צו דער אידישער יוגענד צו געבען זייער פולען ביטראַג צו דער ארמעע און אויף אלע אנדערע אופנים, ווי דער גאָלאָווא (מעיאָר) פון אדעס האָט געזאָגט: „א ביישפּיעל פון בערייטקייט אויפצואָפּפערען אלעס פיר דער רוסישער ארמעע".

דער גייסט פון די אידען אין רוסלאנד ביים אויסברוך פון דער מלחמה ווערט גוט אויסגעדריקט אין דעם אפּיעל וואָס די אידישע געמיינדע אין ווילנא — די עלטעסטע אין רוסלאנד און אין דעם מיטעל־פּונקט פון דער טשערטא — האָט ארויסגעגעבען אין פערבינדונג מיט דער גרינדונג פון א מיליטערישען האָספּיטאַל:

„אונזער בעליעבטעס פאָטערלאנד, די גרויסע רוסישע אימפּעריע איז אויפגערייצט געווארען צו א בלוטיגע שרעקליכע מלחמה. עס איז א קאמפּף פיר דער גאנצקייט און גרויסקייט פון רוסלאנד. אלע טרייע זיהן פון רוסלאנד האבען זיך אויפגעהויבען ווי איין מאן צו בעשיצען זייער פאָטערלאנד, מיט זייער אייגענע בריסט, געגען דעם אנגריעף פון דעם שונא. אונזערע בריעדער פון אידישען גלויבען, איבער דער גאנצער רוסישער אימפּעריע, האָבען זיך אויך אָפּגערופּ־ען אויף דעם רוף פון פּפליכט... פיעלע האָבען זיך פרייוויליג אנגעשלאסען אָן דער ארמעע וואָס איז אוועק צום שלאכטפעלד. אָבער די אומשטענדען פאָדערען יעצט דאָס די יעניגע וואָס זיינען נישט געווען גליקליך גענוג גערופען צו ווערען צו קעמפּפען פיר אונזער לאנד מיט וואפען אין די הענד, זאָלען אויך ברענגען וועלכע קרבנות זיי קענען נאָר.

„מיר זיינען שולדיג א חוב קדוש צו דיא יעניגע וואָס האָבען איבערגעלאָזט פאמיליען און זיינען אליין אוועק פערטהיידיגען אונזער לאנד און אונז אליין מיט זייער בלוט און מיט זייערע לעב־ענס. עס איז אונזער פּפליכט אנצונעהמען אלע פעראנטוואָרטליכ־קייטען פאר די פאמיליעס פון די רעזערוויסטען. עס איז אונזער פּפליכט צוא זאָרגען פאר די פערוואונדעטע און קראנקע. דיעזע הייליגע פּפליכטען וועלען אָהן צווייפעל אויפגענומען ווערען פון דער גאנצער אידישער בעפעלקערונג פון דער אימפּעריע, פון אייגצעל־נע מענשען פונקט ווי פון קהלות.

„די היסטאָריע פון אַלע פערגאַנגענע מלחמות איבערהויפּט די פון 19טען יאָהרהונדערט, אָנפאַנגענד מיט דער מלחמה פון 1812, ווייזט דאָס די אידען האָבען עהרליך און היילינ ערפילט זייער פפליכט אלס בירגער און זיינען אימער געווען בערייט מקריב צו זיין זייער פערמעגען, זיער בלוט און זייער לעבען... פונקט אזוי וועלען מיר אויך ביי דיעזען גרויסען קריזיס האנדלען, און מיר, די פער־טרעטער פון דער אידישער קהלה אין ווילנא, די עלטעסטע אין רוס־לאנד און אין סאמע צענטער פון דעם יעצטיגען שטרייט נעהמען די פרייהייט צו אפּעלירען צו אונזערע גלויבענס־געגאָסען אנצופאנגען גלייך ארגאניזירען הילפע פיר דיא פערוואונדעטע און פיר די פאמיליען פון די רעזערוויסטען. מיר מוזען זארגען גלייך פאר אלע סאָלדאטען פון אונזער גלאָררייכער ארמעע, אָהן אונטערשיעד פון ראסע אָדער גלויבען, ווייל אלע זיינען בריעדער. זיהן אין אלגעמיין פון אונזער גרויסע פאָטערלאנד.“

די אידישע פרעסע האָט אויך אָפּגעקלונגען מיט דיעזען גייסט פון טרייהייט און איבערגעבענהייט. דער „נאָווי וואָסכאָד“ (סעפּ. 24, 1914) איינער פון די לייטענדע אידישע אָרגאנען אין רוסלאנד, האָט ארויסגעגעבען דיעזען אויפרוף:

„מיר זיינען געבארען און ערצויגען געוואָרען אין רוסלאנד. דאָ זיינען אונזערע קברי אבות. מיר רוסישע אידען זיינען געבונדען צו רוסלאנד מיט שלייפען וואָס קענען ניט צוריסען ווערען, און אונזערע בריעדער וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען אויף יענער זייט ים דורך דעם גרויזאמען שיקזאל, האלטען אויך טהייער זייערע אנדענקונגען פון רוסלאנד זייער גאנצען לעבען. וועכטער פון דיא געבאָטען פון אונזערע אבות, א קערענדעל פון דער גאנצער אידיש־ער נאציאָן ווי מיר רוסישע אידען זיינען, זיינען מיר דאָך אונ־שיידבאר פעראייניגט מט דעם לאנד אן וועלכען מיר וואוינען זייט הונדערטע יאָהרען, און פון וועלכען נישט פערפאָלגונגען און נישט אונטערדריקונגען קענען אונז אוועקרייסען. ביי דיעזען היסטאָרישען מאָמענט, ווען אונזער פאָטערלאנד ווערט געדראָהעט פון אן אויס־לענדישע אריינדרינגונג, ווען ברוטאלע קראפט האָט אויפגעהויבען איהרע וואפען געגען די אידעאלען פון הומאניטעט, וועלען די אידען

פון רוסלאנד מוטהיג ארויסגעהן צום שלאַכט און ערפילען זייער הייליגע פפליכט."

די צאָהל פון אידישע סאָלדאטען אין דער רוסישער ארמעע האָט בעטראָפען פון 350.000 (לויט דער שאצונג פון פעטראָגראדער גאָלאָווא פאר א קאָנפערענץ פון רוסישע גאָלאָוואָס אין מאָנאט אויגוסט 1914) ביז 400.000 (לויט דער שאצונג פון פעטראָגראדער יק"א). דיא טויזענדע אידישע סטודענטען וואָס האבען שטודירט אין אויסלענדישע אוניווערסיטעטען, זייגען צוריקגעקומען זיך אָנצושליסען אָן דער ארמעע, אָבוואָהל זיי האָבען געוואוסט אז פאר זיי איז נישטאָ קיין שום פאָרצוג.

אויף דעם שלאַכטפעלד האָבען די אידישע סאָלדאטען זיך אויס־געצייכענט מיט זייער העלדענמוטה. איבער 1,000 זייגען בעלוינט געווארען מיט דעם געאָרגיעווסקי קרייץ. פון די פיעלע שעצונגס־בריעף וואָס רוסישע אָפיצערען האָבען געשריבען צו קרובים פון געפאלענע אידישע סאָלדאטען איז גאנץ קלאָהר אז די אידען האבען געוואונען די אכטונג פון זייערע קאמפפס־קאמעראדען. אבער עס איז געווען זייער אונענדליכער אונגליק אז דיא מלחמה זאָל דורך דער לאָגיק פון מילי־טערישע געאָגראפיע, דארפען אויסגעקעמפפט ווערען אויף דעם מזרח זייט אין פוילען, ווייל צווישען די פאָליאקען און די אידען האָט שוין פון לאנג אָנגעהאלטען אָן אָפענער קאמפף — און די ענטוויקלונג פון דער מלחמה אין פוילען האָבען פערוואורטהיילט די אידען צו א קאטאס־טראפע וואָס איז אונפערגלייכבאר אין דער געשיכטע.

פאָליאקען און אידען.

דער שטרייט צווישען די פאָליאקען מיט די אידען ציהט זיך נאָך פון די פריהסטע פעריאָדען פון דעם אידישען לעבען אין פוילען.

אין די ערשטע מדריגות איז עס געווען א ריין רעליגיעזער שטרייט. דער קירכען סינאָד פון 1542 האָט ערקלעהרט דאָס:

„אזוי ווי די קירכע טאָלערירט אידען פיר דעם איינציגען צוועק אז מיר זאָלען האָבען אָן אנדיינקונג וועגען דיא יסורים פון קריסטוס, און דורך זייער צאָהל זיך נישט פערמעהרען אונ־

טער קיינע אומשטענדען". (זעה פריעדלענדער „דהי דזשוס אָף ראָשיאַ ענד פּאָלאַנד, זייטע 38).

דער סינאָד פון 1733 האָט וויעדערהאָלט די זעלבע לעהרע פון האַס דורך ערקלערען, דאָס די אורזאַכע פאַר דער עקסיסטענץ פון די אידען איז: דאָס זיי זאָלען אונז ערא‎ינערן וועגען די יסורים פון קריסטוס, און דורך זייער צרה'דיגען צושטאַנד דינען אַלס אַ ביישפּיל פון גאָט'ס שטראָף אויף די אונגלויביגע" (זעלבע קוועלע, זייטע 57).

אין די שפּעטערע מדרגות איז דער קאַמף געווען הויפּטזעכליך פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. ווען רוסלאַנד האָט פערכאַפּט פּוילען דורך די פיעלע צוטהיילונגען אין 18טען יאָהרהונדערט, האָט זי נאָך מעהר אויפגעבלאָזען דעם קאַמפף צווישען דער פּוילישער און אידישער בעפעלקערונג דורך פערשפּארען זיי אין אַ בעשרענקטען שטח, וואו זיי האָבען נישט געקענט מאַכען אַן אנשטענדיגען לעבען; דורך ווארפען זיי איינעם געגען אנדערען אין אַן עקאָנאָמישען קאַמפף וואָס איז אנגעפיהרט געוואָרען אויף די ניעדעריגסטע און האָפנונגסלאָזסטע אופנים, און דורך רייצען זיי מיט רעליגיעזע און ראַסען פּאָראורטהיילע

און יעדען אנדערען מיטעל וואָס איז מעגליך פאַר אַ רעגירונג מיט אונבעשרענקטע מאַכט און אונפּרינציפּיעלע פּאָליטיק. און די פּאָליאַקען, וועלכע זיינען פּאָליטיש אונענטוויקעלט, אנשטאָדט צו פעראייניגען זיך מיט די אנדערע קרבנות פון רוסלאַנד געגען דעם אלגעמיינעם אונטערדריקער, האָבען זיך ארויפגעוואָרפען אויף זייערע ליידענסגענאָסען מיט אַ שרעקליכקייט וואָס איז אונפערגלייכבאַר אין דער אייראָפּעאישער היסטאָריע.

מיט עטליכע יאָהר בעפאָר דער מלחמה איז דיעזער קאַמפף געקומען צו אַ קלימאַקס איבער דער ערוועהלונג פון אַ דעפּוטאַט צו דער דומאַ. די אידען פון פּוילען האָבען געפיהלט דאָס זיי זיינען בערעכטיגט ווענינגסטענס צו איין פערטרעטער אין דער דומאַ, הויפּטזעכליך אין דער שטאָדט וואַרשוי, וואו זיי פאָרמירען כמעט אַ העלפט פון דער בעפעלקרונג. האָט מיט אַ מאָהל געטראָפען דאָס אין לאָדז איז גראַדע ערוועהלט געוואָרען אַ אידישער דעפּוטאַט, באָמאַש. די אידען, זוכענדיג צו האַלטען אין פריעדען די פּאָליאַקען און נישט פערלעצען זייער נאַציאָנאַלען שטאָלץ, האָבען בעשלאָסען אויפצוגעבען זייער קאַמפף צו

ערוועהלען א אידישען דעפּוטאט אין ווארשוי און האבען געאַפּערט די פּאָליאקען א פּשרה, נעמליך, דאָס זיי וועלען שטימען פאר א פּאָליאק, אָבער מיט דער בעדינגונג אז ער זאָל נישט זיין קיין אויסגעשפּראָכענער אנטיסעמיט. די פּאָליאקען האָבען אָבער דורכאויס גיוואָלט ארויס־שטעלען ניט אנדערש ווי א בעריהמטען אנטיסעמיט. די אידען, ניט קענענדיג אויס זעלבסט־רעספּעקט אונטערשטיצען אזא קאנדידאט און ניט קענענדיג ערוועהלען זייער אייגענעם קאנדידאט, האבען דערפאר זיך פעראייניגט צו אונטערשטיצען א פּוילישען סאָציאליסטישען קאנדידאט, און דער סאציאליסט איז טאקע ערוועהלט געווארען.

דיעזעס האָט געפיהרט צו א ראכע פון די פּאָליאקען אין פאָרם פון א באָיקאָט געגען די אידען, ניט נאָר געגען האנדעלס לייט, זאָנדער־ען אויך געגען אידישע דאָקטוירים, ארבייטער און אלע אנדערע, און דער באָיקאָט האָט זיך באלד צושפּרייט איבער גאנץ פּוילען, ברענגענ־דיג אונגליק און דלות אי צו די אידען, אי צו די פּאָליאקען. אזוי מיאוס און ביטער איז געווען דיעזער באָיקאָט, דאָס אפילו דיא רוסישע רעגירונג האָט שוין צייטענווייז זיך געפיהלט געצוואונגען אנצונעמען זיך פאר די אידען.

אנטיסעמיטיזם אין פּוילען.

אן אויסגעצייכענטע שטודיום וועגען דעם עקאָנאָמישען כאראקטער פון דעם פּוליש אידישען קאמפף איז געמאכט געווארען פון דער בעוואוסטער רוסישער זשורנאליסטין מאדאם א.ע. קוסאווא, וועלכע ערקלעהרט דעם צושטאנד וויא פאָלגט:

„איך האב געפונען רויט־גליהענדען אנטיסעמיטזמוס איבעראל, איבער גאנץ פּוילען. מיר האָבען אנטיסעמיטיזם אין רוסלאנד, אבער גאָר פון אן אנדער מין־אנטיסעמיטישע בלעטלאך ווי „דוואַ גראָטא“ האָבען בעשולדיגט די אידען אין אלערליי פערברעכענס, אהן שום פּראָטעסט פון דער פּראָגרעסיווער פּרעסע, און זיי איז געלונגען אויפ־צורודערען די פּאָליאקען, אין פּיאסעטשנא, א צערשטערטע שטעד־טעל נעבען ווארשוי, וואו עס איז פּאָרגעקומען א צעהן־טאָגיקע שלאכט, האָב איך גערעדט מיט פיעלע פּויערים, וועלכע האָבען בעשולדיגט די אידען אין פיעלע פון זייערע צרות, אבער זיי האָבען נישט געקענט ערקלערען אין וואָס די אידען זיינען טאקי שולדיג. מיר

רוסען האָבען אפגעהאלטען א פערזאמלונג אויסצוגעפינען די אור־
זאכען פון דיעזע געפיהלען... מיר זיינען געקומען צום שלוס, דאָס
די פויליש־אידישע פראגע איז באמת די רוסיש־פויליש־אידישע
פראגע, און בעריהרט אונז אזוי פיעל ווי די פּאָליאקען.
זיי האָבען נישט גענוג פלאץ וואו צו לעבען און עס קומען
דאָרט צו מעהר און מעהר אידען. אפילו דעמאקראטישע אָרגאניזאצ־
יאָנען אנערקענען דאס אויך. איין פויערים אָרגאניזאציאָן האָט אויס־
גערריקט דורך איהר אָרגאן, דאָס די אידעע דאָס אידען זיינען א
לאסט פאר פוילען איז אמת, פונדעסטוועגען ווארענט זי די פויערים
געגען אנטיסעמיטיזם." *)

דיא מלחמה אין פוילען.

ווען די קעמפּפענדע ארמעען זיינען איבערפאלען פוילען, האָבען די
פּאָליאקען דערזעהן זייער געלעגענהייט און האָבען זי אויסגענוצט.
דער חלום פון א פרייע פוילען איז קיינמאָהל נישט ארויס פון זייער
זינען. ווען די וועלט־קאטאסטראָפע איז אנגעקומען, האָבען זיי דער־
זעהן דארין א געלעגענהייט נישט נאָר צוריקצוגעווינען זייער צו־
גליעדערטע לאנד, זאָנדערן אויך ראכע צו נעהמען פון זייערע פער־
האסטע אידען. פונקט ווי די רוסען פלעגען אימער זיך שפּיעלען מיט די
פּאָליאקען געגען די אידען, אזוי האָבען די פּאָליאקען יעצט גענומען
זיך שפּיעלען מיט די רוסען, דייטשען און עסטרייכער געגען די אידען.
עס איז דאך געווען אין די אינטערעסען אי פון רוסלאנד, אי פון דייטש־
לאנד און עסטרייך צו זוכען דיא סימפּאטהיע פון די פּאָליאקען, און די
פּאָליאקען האָבען אויסגענוצט דיעזע געלעגענהייט צו מסר'ן די אידען,
דאָ צו די רוסען און דאָ צו די דייטשען, אלס שפּיאָנען און פעררעטהער.

די לאגע פון די אידען אונטער דיעזען קרייץ־פייער איז געווארען
אונערטרעגליך. דא זיינען אייניגע פעלע וואָס ווייזען די ווירקונג פון
די פוילישע מסירות אויף דער אידישער בעפעלקערונג:

איינע פון די ערשטע שטעדט אין רוסיש־פוילען וואָס די עסטרייכ־
ער האָבען איינגענומען, איז געווען זאמאָסץ (זאמאָסטי אין רוסיש) אין

---

*) „ראזסוויעט", דעצ. 5 (18), 1914, זייטע 12.

דרום פוילען, נעבען דער גאליצישער גרענעץ, וועלכע איז איינגענומען געווארען פון אן אבטהיילונג סאקאל־סאלדאטען אין סעפטעמבער 1914. די עסטרייכער זיינען באלד פערטריעבען געווארען פון די רוסען, און די פאליאקען האבען גלייך פער־מסר׳ט דיא אידען צום רוסישען קאמאנדיר, בעשולדיגענדיג זיי אין העלפען די עסטרייכער דורך דער צייט וואס זיי זיינען געווען אין שטאדט.

צוועלף אידען זיינען גלייך ארעסטירט געווארען. זיי האבען געלייקענט זייער שולד, אבער זיי זיינען פעראורטהיילט געווארען צום טויט.

אין מיטען דער הינריכטונג, ווען פינף אידען זיינען שוין געווען געהאנגען אויף די תליות איז פלוצלונג ערשיענען א רוסישער גלח, טראגענדיג אן איקאנע פון „גאט׳ס מאמע“. דער גלח האט געשווארען ביי דער איקאנע דאס די אידען זיינען אונשולדיג און דאס די גאנצע בעשולדיגונג איז בלויז א בלבול פון די פאליאקען. ער האט דאן בעוויזען, דאס באמת האבען די פאליאקען אליין אונטערשטיצט די עסטרייכער און דאס זיי האבען אפילו געהאט טעלעפאן פערבינדונגען מיט לעמבערג.

די איבערגעבליבענע זיעבען אידען זיינען דערנאך בעפרייעט געווארען. דער גלח מיט דער איקאנע האט גערעטעט די זיעבען אונ־שולדיגע אידען, אבער די פינף אונשולדיגע אידען וואס זיינען שוין גע־האנגען געווארען, האט ער נישט געקענט רעטען... *)

אין לעמבערג האבען די פאליאקען אין מאנאט סעפטעמבער 1914 פער־מסר׳ט, דאס די אידען האבען געשאסען אויף די רוסישע סאלדאט־ען. פיעלע אידען זיינען גלייך ארעטירט געווארען און באלד איז געמאכט געווארען א פאגראם, אין וועלכען נאהענט 70 אידען זיינען געשלאגען און פערוואונדעט געווארען. די דאקטוירים ראבנער און דיאמענט זיינען ארעטירט געווארען אלס משכנות. און צום סוף, נאך אן אונטערזוכונג, איז בעוויעזען געווארען אז אלע אידען זיינען אונ־שולדיג און מען האט אלע ארעטירטע בעפרייעט. **)

---

*) געארג בראנדעס אין „פאליטיקען“, נאוו. 1914.

**) „רוסקיא וויעדעמאסטי“, אקט. 2 (15) 1914, זייטע 20. „נאווי וואסכאד“, אקט. 2 (15), 1914, זייטע 21.

אין קיעלץ און ראדאָם האָבען דיא פּאָליאַקען צופּלינדערט די אידישע קראָמען. ווען די רוסען זיינען אהין צוריקגעקומען, נאָך דעם דייטשען ריקצוג, האָבען די פּאָליאַקען גלייך פער־מסר'ט די אידען אלס סימפּאטהיזירער מיט די דייטשען. אויך דאָרט זיינען פיעלע אידען ארעטירט געוואָרען, אָבער נאָך אן אונטערזוכונג איז בעוויזען געוואָרען דאָס זיי זיינען אונשולדיג און מען האט זיי בעפרייט. *)

אין מאַריאמפּאָל האָט מען צוליעב אזא בלבול געצוואונגען אלע אידען מיט זייער רב, רבי קראָוטשינסקי אן דער שפּיצע צו ארבייטען דריי טעג אויף די וועגען. די ערשטע צוויי פון דיזע טעג זיינען אויס־געקומען אום סכות. **)

אויך איז אין מאַריאמפּאָל א איד מיט דעם נאָמען גערשענאָוויץ פער־משפּט געוואָרען צו זעקס יאָהר קאַטאָרגע דערפאר וואָס ער האָט געהאנדעלט אלס גאַלאָווא אין דער צייט ווען די דייטשען האָבען פער־נומען די שטאָדט, טראָץ דעם וואָס די רוסישע אונטערזוכונג האָט בעוויזען דאָס די דייטשען האָבען איהם געצוואונגען אָנצונעהמען דעם אמט. ***)

אין יוזעפאָוו האבען די פּאָליאַקען געמאכט א בלבול אויף די אידען, דאס זיי האָבען פערגיפטעט די ברינימער. 78 אידען זיינען געטויטעט געוואָרען, פיעלע אידישע פרויען זיינען געשענדעט געוואָ־רען און אלע אידישע הייזער און קראָמען זיינען צערשטערט און צופּלינדערט געוואָרען. ****)

אין דרוסקעני איז א מילנער מיטן נאָמען טשעכאָווסקי בעשולדיגט געוואָרען אין געבען א סיגנאַל פיר דער דייטשער באָמבאַדירונג דורך בלאָזען דאָס פייפעל פון זיין מיל. ווען די רוסען האָבען דערנאָך צוריק איינגענומען דאָס שטעדטעל, האָט מען איהם געשטעלט פאר א קריעגס געריכט און עס האט זיך ארויסגעוויזען דאָס די בעשול־דיגונג איז פאַלש. *****)

---

*) „נאָווי וואָסכאָד", סעפּ. 22 (אָקט. 8) 1914, זייטע 20.

**) „ראזסוויעט", דעצ. 5 (18) 1914, זייטע 18.

***) „נאָווי וואָסכאָד", סעפּ. 22 (אָקט. 8), 1914.

****) „ראסוויעט" מערץ 29 (אפּריל 11) 1914 זייטע 20.

*****) „פּאָליטיקען" נאָוו. 1 1914.

דאס זיינען בלויז איינינע נישט־געקליעבענע פעלע פון די פוילישע מסירות. נישט אין איין איינציגען פאל זיינען די בעשולדיגונגען געווען בערעכטיגט; אין געגענטהייל, זייער גוואלדיגע לעכערליכקיט האט זיך ארויסגעוויזען פאר דיא מיליטערישע טריבונ־אלען, וועלכע מען מעג דאך געווים נישט פערדעכטיגען אין פריינד־ליכקייט צו די אידען. א פאלקאמענע אילוסטראציאן וועלען אונז געבען די געשיכטען פון די דערפער נאווא־מיאסטא און גראיצי, נעבען ווארשוי.

די געשיכטע פון נאווא־מיאסטא.

ביי זייער ערשטען מארש אויף ווארשוי אין סעפטעמבער־אקטאבער 1914, האבען די דייטשען פערנומען די צוויי דערפער נאווא־מיאסטא און גראיצי אויף עטליכע טעג.

ווען די רוסען האבען צוריק פערנומען דיא דערפער, האבען דיא פאליאקען פערמסר'ט די אידען דאס זיי האבען בעגריסט די דייטשען און זיי געגעבען יעדע הילפע — ווערהרענד זיי, די פאליאקען האבען נעבעך געליטען פאסיוו און האבען נישט געטהאן קיין זאך, סיידען די דייטשע מיליטערישע בעאמטע האבען זיי געצוואונגען דאצו.

די פאליאקען האבען אנגעוויזען אויף זיעבען מענשען, פינף אידען און צוויי דייטשען, דאס זיי זיינען דאס די פערברעטהער. איין איד גאלדבערג, איז בעשולדיגט געווארען אז ער האט אנגעוויעזען די דייטשען דעם פלאץ וואו צעהן רוסען האבען זיך אויסבעהאלטען און זיינען געפאנגען געווארען פון די דייטשען, און נאך א איד איז בעשולדיגט געווארען אין אנווייזען די דייטשען וואו זיי קענען פער־כאפען די פערד און שפייז און אין האנדלען אלס זייער וועג־ווייזער.

דער פראצעס איז פארגעקומען פאר דעם מיליטער געריכט און אונטער א שטרענגען פערהער האט די גאנצע געשיכטע געקראגען גאר אנאנדער פנים. דער גלח זעמבערזשוסקי האט עדות געזאגט דאס די אידען און די פאליאקען האבען זיך בענומען גאנץ גלייך צו די דייטשען, דאס די אידען האבען נישט עמפפאנגען די דייטשען מיט שמחה און דאס זיי האבען זיך אויך בעקלאגט אויף די רעקוויזיציעס און פלינ־

דערייען פון די ארײנדרינגער, און דאָס נאָר א דאנק דער טאַקטישער האַנדלונג פון די אײנוואוינער האָט נאָווא־מיאסטאָ זיך אויסגעדרעהט פון גענצליכע צערשטערונג.

אין דער בעשולדיגונג געגען גאָלדבערג'ן האָט זיך ארויסגעצייגט דאָס ניט די רוסישע סאָלדאטען האָבען זיך ערגעץ אויסבעהאלטען און נישט זיי זיינען געפאנגען געווארען. פונקט אזוי האָבען אלע אנדערע בעשולדיגונגען זיך אויסגעלאָזט צו זיין פאלש.

ביים פּראָצעס האָט זיך אויך ארויסגעוויזען דאָס די בעשולדיגונגען זיינען ענטשטאנען דורך צוויי פאקטען — דורך בלבולים פון צוויי פוילישע הוליגאנעס און אויך דורך פאלשע אוסטייטשונג. ביי דער אונטערזוכונג, צום ביישפיעל, האָבען די רוסישע אָפיצערען נישט פערשטאנען קיין פויליש און האָבען געמוזט האָבען אינטערפּרעטערס. איינער פון דיזע אינטערפּרעטערס האָט איבערזעצט א סטייטמענט פון א פאָליאַק, דאָס ער האָט געזעהן דעם איד זילבערבערג געהן גע־ארעמט מיט א דייטשען אָפיציער. ביים פּראָצעס האָט זיך ארויס־געציינט, דאָס באמת האָט דיעזער פאָליאַק גאָר געזאגט, אז ער האָט געזעהן ווי דער דייטשער אָפיציער האָט אָנגעכאַפּט זילבערבערג'ן פאר'ן קאָרק די צוויי פוילישע הוליגאנעס, זיינען געווען אזעלכע בע־ריהמטע הוליגאנעס דאס אפילו א רוסישער קריעגס געריכט האָט נישט געוואלט אָננעהמען זייערע עדות. אלע אָנגעקלאָגטע זיינען דערפאר בעפרייעט געוואָרען. *)

די בעדייטונג פון דיעזע עפּיזאָדע ליעגט אין דעם פאקט, וואָס דער פאָלקאָווניק אין דיעזע קאָמאנדע איז צופעליגער ווייזע געווען א גוטער מענש, וועלכער האָט נישט געוואלט זעהן קיין אונגערעכטיג־קייט און האָט גענומען די מיהע צו מאכען א פּאָרזיכטיגע אונטער־זוכונג. הונדערטע אנדערע פעלע וואָס זיינען געווען פונקט אזוי בעגרינדעט, זיינען אָבער פאָרגעקומען פאר געריכטען אָהן דער מעגליכ־קייט פון אזא אָרענטליכע אונטערזוכונג.

נאָך א פאַל פון דיעזען סאָרט איז בעריכטעט געוואָרען פון סובאלק. די פאָליאקען האָבען בעשולדיגט דאס די אידען פון סובאלק האָבען עמפּפאנגען די דייטשען מיט „ברויט און זאלץ". (די רוסישע

*) „ראזסוויעט", אפריל 12 (25) 1915, זייטען 18-19.. „נאָווי־וואָסכאָד", אפריל 10 (23), 1915, זייטען 29-30

נאַציאָנאַלע מאָדע פון אויפנעהמען געסט). דער אמת איז געווען, דאָס כמעט די גאַנצע בעפעלקערונג פון סובאַלק איז ענטלאָפען ביים אַנקומען פון די דייטשען. די דייטשען האָבען אָבער מיט זייער גע־וועהנליכען אויסרעכנונג פאַרבערייטעט אַ ליסט פון די פּראָמינענטע בירגער, וואָס זאָלען אַפּאָינטעד ווערען אַלס אַ דעפּוטאַציאָן צו „בע־גריסען" די דייטשען. אויף דיזער ליסט איז בסך־הכל געווען בלויז איין איד.

עס איז בעמערקונגסווערט, דאָס אפילו צווישען די פּאָליאַקען אַליין האָבען זיך אויך געפונען אייניגע, וואָס האָבען ניט געקענט צו־זעהן די בלבולים און שקרים, און האָבען געהאַט גענוג מוט צו דער־צעהלען דעם אמת. אַזאַ געשיכטע געפינען מיר אין דער פּוילישער „נאָווא גאַזעטאַ" (איבערגעדרוקט אין „ראַזסוויעט", פעב. 8, 1915):

„אַז אַרמעע־אָפיצער, אַ פּאָליאַק, בעריכטעט דיזעס: וואו אונ־זער קאָמפּאַניע איז געשטאַנען, האָב איך געפונען אַ גרופּע סאָלדאַטען אַרום אַ מוזשיק, וועלכער האָט דערצעהלט, דאָס די אידען האָבען אי־בערגעהאַקט די טעלעגראַף־דראָטהען. די סאָלדאַטען זיינען געווען שרעקליך אויפגערעגט און זיינען שוין געווען בערייט צו נעהמען ראַכע פון די מיזעראַבעלע אידען. איך בין צוגעקומען צו דער גרופּע און געזאָגט צום מוזשיק: „עס פרעהט מיך צו זעהן, דאָס דיין פּאַטריאָ־טישער גייסט בריינגט דיר אַרויסצוגעבען דיזע אידישע פעררעטהער. דו מוזט מיר גלייך נעהמען צו זיי. דו זאָגסט, אַז דו קענסט די שול־דיגע. וויין זיי אונז אַז, מיר וועלען זיי גלייך אַננעהמען און זיך אָפּרעכנען מיט זיי".

„דער מוזשיק איז גלייך צומישט געוואָרען. ער האָט גענומען שטאַמלען: „איך האָב גאָרניט געזאָגט, איך האָב זיי ניט געזעהען: איך אַליין האָב גאָרניט געזעהען. מען זאָגט נאָר אַזוי, אַלע זאָגען אַזוי".

„איך האָב אַנגענומען אַ שטרענגע שטעלונג און האָב איהם גע־זאָגט: „דו קענסט דיזע לייט גאַנץ גוט, אָבער דו ווילסט זיי ניט אַרויסגעבען. דו ווילסט בעשיצען די פעררעטהער. דו מוזט מיר גלייך נעהמען צו זיי". דער מוזשיק איז דאַן אין גאַנצען צומישט געוואָרען. די סאָלדאַטען האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איהם און איהם געוואָלט שלאָגען, אָבער איך האָב איהם בעשיצט. ער האָט זיך דאַן מודה געווען, אַז ער רעדט גלאַט פון קאָפּ. איך האָב איהם געהייסען

נעהן, אנזאָגענדיג איהם ער זאָל בעטען זיין גלח צו פרעדיגען דעם פאָלגענדען זונטאג וועגען „ליעבען דעם נאכבאר ווי זיך אליין.“

„נאָך א פאל איז געווען דיזער. אין א ווארשעווער טראמוועי (סטריט קאר) וואס איז געווען פול מיט פאסזשירען האב איך געזעהן א פוילישע פרוי ארויסקוקענדיג אויף א אטאָמאָביל אמבולאנס. „זעהט“— האט די פרוי אויסגעשריען — די אידען האבען שוין אויף אויטאָמאָביל אמבולאנסעס. זיי מוזען זיין גע־גנב’עטע.“ איך האב איהר גענומען אויספרעגען, נאָר זי איז געווען ערענטליך גענוג גלייך צוצוגעבען אז זי ווייס פון זיין זאך און זי זאגט עס אהנע צו דענקען.

„אין דיזע צוויי פעלע בין איך ארויסגעקומען אלס א פאָליאק צו באשיצען די עהרע פון פוילין, ווייל איך גלויב אז פוילין דארף נישט זעלכע שענדליכע שקרים און בלבולים פיר איהר רעגענעראציאָן. ווען זיי זאָלען נישט זיין אזוי שמערצליך איבערצודערצעהלען, וואָלט איך אייך געקענט געבען א גאנצע סעריע פון אזעלכע געשיכטען.“

אפילו די פוילישע גלחים, וועלכע זיינען געוועהנליך אנטיסעמיטען, האבען זיך געפיהלט געצוואונגען צו פראָטעסטירען געגען די גוואלדטהאטען פון זייערע נאָכפאָלגער. אזוי צום ביישפיעל, אין יאנואר 1915 האָבען די גלחים אין פלאצק מיט דעם ערצבישאָף קאָוואלסקי אן דער שפיצע זיך משתדל געווען פאר די אידען, וועלכע זיינען ארעטירט געווארען פון די רוסישע בעאמטע אלס רעזולטאט פון די פוילישע מסירות.

אזוי שענדליך איז געווען די שטעלונג פון די פאָליאקען, דאס ביי א קאָנפערענץ פון די פראָגרעסיווע דומא דעפוטאטען, אין יאנואר 1915, זיינען אָנגענומען געווארען רעזאָלוציאָנען נים צו אונטערשטיצען די פוילישע דעפוטאטען אין קיינע פון זייערע נאציאָנאליסטישע פראָיעקטען צוליעב זייער שענדליכער שטעלונג געגען די אידען.

די פוילישע צייטונג „גלאס פאָלסקי“, וואס ערשיינט אין פעטראָגראד, האט פערעפענטליכט אן אינטערוויו מיט פראָפעסאָר מיליוקאוו (פיהרער פון די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראטען אין דומא) וועגען דער פוילישער פראגע. מיליוקאוו האט אונטער אנדערעס געזאגט:

„אונזער שטאנדפונקט איז דאס ביים ווייכסעל וואוינען נישט נאָר פאָליאקען. דארט וואוינט אויך נאָך א פאלק, דאס אידישע פאָלק, וועלכע האט א רעכט אנערקענט צו ווערען.

„ווען די פוילישע פראגע וועט אויפגענומען ווערען אין דער דומא, וועלען מיר פאָדערען אז דער פונדאמענטאלער אקט זאָל גאראנטירען די רעכטע פון דער אידישער מינאָריטעט אויך.“ *)

נאָך פיעלע קאָנפערענצען פון די רוסישע, פוילישע און אידישע בלל־טהוער, וואָס האָבען שטאטגעפונען אין פעטראָגראד און אין מאָס־קווא אין מאָנאט יאנואר 1915, האָט די מאיאָריטעט פון די רוסען אויסגעדריקט איהר איינינגקייט מיט די אידען אין דיעזע זאך. **)

אפילו די גרעסטע רוסישע רעאקציאָנערען האָבען איינגעזעהן א געפאהר פאר רוסלאנד אין דיעזען פוילישען בלבולים קאמפיין געגען די אידען. אזוי האָט, צום ביישפיעל, דער פיהרער פון די שווארץ־מאה'־ניקעס אָרלאָוו, נאָך א בעזוך אין פוילען, ערקלעהרט :

„איך האָב נישט געזעהן קיין שלעכטעס מצד די אידען, אבוואָהל די פאָליאקען האָבען אויפגעמאכט אלע מיני בלבולים געגען זיי. אָבער אין דיעזע פוילישע בעריכטע פיהלט איהר פאָראורטהייל, ראכעזוכט, שנאה — און מעהר גאָר נישט...

„די אידען זיינען לאָיאל און בראָוו, און עס איז זעהר נישט ראטה־זאם אנצופיהרען א פּאָליטיק וואָס קען בעקערען זעקס מיליאָן אונטער־טהאנען אין שונאים.“ ***)

די געשיכטע פון קוזשי.

די רוסישע מיליטערישע בעאמטע, זוכענדיג א שעיר המשתלח פאר זייערע אייגענע מפּלות, האָבען מיט חשק אנגעכאפּט די אלע פוילישע בלבולים, זיי געגעבען אָפּיציעלע אנערקענונג און זיי צושפּרייט ברייט און ווייט. דער בעריהמטער אינצידענט פון קוזשי קען אמבעס־טען אילוסטרירען די מעטהאָדען וואָס זיינען בענוצט געוואָרען.

די געשיכטע איז צוערשט געדרוקט געוואָרען אין דעם רוסישען אָפּיציעלען אָרגאן „נאָש וויעסטניק“, דעם 5טען מאי 1915, און אין

*) „ראזסוויעט“, יאנ. 25 (פעב. 7), 1915, זייטע 27

**) „ראזסוויעט“, פעב. 1 (14), 1915, זייטע 39.

***) „ראזסוויעט“, אפּריל 26 (מאי 9), 1915, זייטע 24.

דעם אפיציעלען רוסישען רעגירונגס ארגאן „פראוויטעלסטוועני וויעסטניק“, דעם 6טען מאי 1915, און אין פיעל אנדערע צייטונגען.
דיזע געשיכטע לוטעט:

„אין דער נאכט פון 28טען אפריל האבען אין קוזשי, נארד־וועסט פון שאוועל (קאוונער גובערניע), די דייטשען אנגעגריפען אן אבטהייל־לונג פון איינעם פון אונזערע אינפאנטעריע רעגימענטען וואס איז דארט געשטאנען.

„דיעזער אנגריף האט ארויסגעוויזען די שרעקליכע פעררעטהערישע אויפפיהרונג פון א טהייל פון דער דארטיגער בעפעלקערונג — בעזאנ־דערס פון דעם אידישען טהייל — געגען אונזערע סאלדאטען.

„די אידען האבען בעהאלטען אין זייערע קעלערן דייטשע סאלדאטען בעפאר אונזערע סאלדאטען זיינען דארט אנגעקומען, און אויף א סיגנאל האבען זיי אונטערגעצונדען דעם דארף אויף אלע זייטען. די דייטשען זיינען דאן ארויסגעשפרונגען פון די קעלערן און זיינען געלאפען צום הויז וואו אונזער רעגימענטאלער קאמאנדיר איז איינ־געשטאנען. צו דערזעלבער צייט האבען צוויי באטאליאנען מיט קאוואלעריע אטאקירט אונזערע פאסטענס און איינגענומען דעם דארף. דאס הויז אין וועלכען דער קאמאנדיר האט געהאט זיינע העדקוואר־דערס, איז באלד איינגעפאלען. דער קאמאנדיר, פאלקאווניק וואווילאוו, האט געהייסען פערברענען די רעגימענטאלע פאהן, און ענטזאגענדיג זיך אונטערצוגעבען צו די דייטשען איז ער געטויטעט געווארען. דאן זיינען אנגעקומען נאך רוסישע סאלדאטען, האבען ארויסגעיאגט די דייטשען פון קוזשי אונטע באיאנעט און גערעטעט דאס רעשט פון דער ברענענדער פאהן.

„אלע לאקאלע איינוואוינער וואס האבען אנטייל גענומען אין דער שרעקליכער געשיכטע, זיינען פארגעבראכט געווארען פאר א קריעגס געריכט און די רעדעל־פיהרער וועלען פערשיקט ווערען נאך סיביר. דיזער טרויעריגער אינצידענט ווייזט ווידער א מאהל די נויטהווענדיג־קייט פון זיין בעשטענדיג אויף דער וואך, בעזאנדערס איבער די אלע אידישע שטעדטלאך וואס זיינען שוין ווען עס איז געהאלטען געווארען פון דעם שונא.“

דיזע געשיכטע, מיט אלע איהרע אומשטענדליכע איינצעלהייטען, איז צושפרייט געווארען ברייט און ווייט איבער דער גאנצער אימפעריע

אין אלע אָפיציעלע און האלב־אָפיציעלע ארגאנען פון דער רעגירונג, אויף די בולעטין ברעטער, וואו די רוסישע בעפעלקערונגען פערזאמלען זיך צו לעזען נייעס. דורך מיליטערישע אוקאַזען איז די זאך געבראכט געוואָרען צו דער אויפמערקזאמקייט פון יעדען מאן אין דער ארמעע, ארונטער ביז דעם לעצטען סאָלדאט. פּראָווינציעלע רעדאקטערע האָבען געקראָגען א בעפעהל איבערצודרוקען די געשיכטע. אונטער דער דראָהונג פון אנקלאגע. גאנץ רוסלאנד האָט אויפגעשוידערט פון דעם מאָנסטריעזען פערראטה פון די אידען.

אין טאשקענט האָבען די גלחים ביי א גאָטעסדיענסט אין דעם סאָבאָר (קאטהעדראל) געבעטען גאָט ער זאָל ראטעווען די רוסישע ארמעע פון די שרעקליכע מעשים פון די אידישע פעררעטהער, אפילו די ליבעראלען, וועלכע זיינען געוועהנליך סימפּאטהיש צו די אידען, זיינען געבליבען שטיל. די זאך איז געווען אזוי שווארץ, אז מען האָט גאָר קיין פערטהיידיגונג געקענט געפינען.

מיט א מאָהל האָט אימיצען זיך פערוואָלט צו מאכען אן אונטערזוכונג. דריי דעפּוטאטען פון דער דומא זיינען אוועקגעפאָהרען צום פּלאץ, און האט וואָס זיי האָבען געפונען.

דאָס אין דעם גאנצען דאָרף קוזשי זיינען בסך הכל געווען זעקס אידישע פאמיליעס. פינף פון זיי האָבען געוואוינט אין צרות'דיגע כאלופּקעס וואָס האבען גאָרנישט געהאט קיין קעלערען. אין דעם איינציגען אידשען הויז וואָס האָט יא געהאט א קעלער, איז דער קעלער געווען בלויז גיין פוס ביי זיעבען און צו ניעדריג אז א מענש זאָל אין איהם קענען שטעהן. אין אזא קעלער האבען נישט געקענט אריין גענוג דייטשען ארויף צו אטאקירען, שוין נית זאָגען אניהילירען א רוסישע אבטהיילונג.

דאָס די עטליכע אידען וואָס זיינען געווען אין דעם דאָרף, זיינען אוועק — מיט דער ערלויבנים פון די מיליטערישע בעאמטע — דעם 27טען אפּריל, דאָס הייסט דעם טאָג בעפאָר דער דאָרף איז אָנגעגריפען געוואָרען פון די דייטשען, און האָבען די נאכט פון 27טען צום 28טען גענעכטיגט אין דעם דאָרף מינסטאָק, און צולעצט אוועק.

די אידען זיינען נישט גע־משפּט געוואָרען און נישט פעראָנטוואָרטהיילט און נישט הינגעריכטעט געוואָרען אין קוזשי. קורץ, די גאנצע געשיכטע פון אָנפאנג ביז ענדע איז אן איינגעמאכטע פאבריקאציאָן —

ניט עס זיינען געווען בערען און ניט אפילו קיין וואלד.

די געשיכטע פון קוזשי איז געבראנדמארקט געווארען אלס א ליגען דורך דעם אידישען דעפוטאט פריעדמאן, אין דער דומא, דעם 19טען יולי. ער איז אונטערשטיצט געווארען דורך דעם ניט־אידישען דעפוטאט קערענסקי, וועלכער האט פערדאמט דעם בלבול אין דיזע ווערטער:

„איך ערקלער יעצט פון דיזען פלאטפארם, דאס איך בין פערזענליך געפאהרען נאך קוזשי, אום צו איבערצייגען זיך, דאס די אידישע בעפעלקערונג פון קוזשי האט געמאכט א פעררעטהערישען אנגריף אויף דער רוסישער ארמעע. איך פיהל עס אלס מיין פליכט צו וויעדערהאלען, אז עס איז בלויז א שענדליכער בלבול. עס איז ניט פארגעקומען אזא זאך, און אונטער די לאקאלע צושטענדען האט אזא זאך גאר ניט געקענט פארקומען".

אבער די אפלייקנונג פון דעם ליגען איז ניט צושפרייט געווארען איבער גאנץ רוסלאנד. זי איז אונטערדריקט געווארען פון דעם מיליטערישען צענזאר, און ביז צום היינטיגען טאג איז די מאיאריטעט פון דעם רוסישען פאלק, ניט וויסענדיג פון דער אפלייקנונג, אין גלויבען, אז די געשיכטע איז אמת.

די געשיכטע פון שאוועל

נאך א שפיאנען־געשיכטע, וואס איז ברייט און וויט פערשפרייט געווארען דורך דער אנטיסעמיטישער פרעסע, איז, דאס מ'האט ארויסגעטריבען די אידען פון שאוועל (קאוונער גובערניע) פון קורלאנד דערפאר, ווייל מען האט זיי געכאפט פיהרענדיג די דייטשע סאלדאטען אויף שאוועל. דיזע געשיכטע איז אויך געדרוקט אין אלע מיליטערישע און האלב־אפיציעלע צייטונגען אין רוסלאנד און איז אויך איבערגעדרוקט געווארען אין דער אלגעמיינער רוסישער פרעסע.

די צייטונג „דיען" האט אנגעוויזען וועגען דער לעכערליכקייט פון דיזע און עהנליכע בעשולדיגונגען *):

*) פון „רעטש", מאי 10 (23), 1915.

„אָננעהמענדיג אפילו די געשיכטע ווי זי שטעהט, אָהנע צו פאַרדערען די נעהמען פון דיא אידען וואָס זיינען געפונען געוואָרען שולדיג, אָדער אירגענד אנדערע איינצעלהייטען, לאָמיר נאָר בעקוקען די מאַפּע (לאַנד־קאַרטע). שאַוועל איז דאָך גאָר נישט קורלאַנד. זי איז דאָך גאָר אין קאָוונער גובערניע, 50 וויאָרסט ווייט פון דעם נעהנטסטען פונקט אין קורלאַנד און מעהר ווי 50 וויאָרסט פון דעם נעהנטסטען פונקט וואָס איז בעוואוינט פון אידען. די דייטשען, ווייסען מיר דאָך, האָבען מאַרשירט אויף שאַוועל נישט דורך קורלאַנד, נאָר פונקט פון דער געגענגעזעצטער ריכטונג.

„אויב די בעשולדיגונג זאָל זיין אמת, וואָלט עס אלזאָ הייסען, אז דיא אידען פון קורלאַנד זיינען אוועק 100 וויאָרסט ווייט, גאָר אין א פרעמדען טעריטאָריום, אום זיך צו שטעלען אין פערבינדונג מיט דיא דייטשען. דאָס איז דאָך גאַנץ געוויס דומהייט. און נישט וועניגער איז קלאָהר אז דיעזע באָבע־מעשיות ווערען פאַבריצירט פון גאַנצען שטאָף. און פאַבריצירט ווערען זיי אָט אזוי: רעפּאָרטען קומען אָן דאָס מען טרייבט אידען פון קורלאַנד. די אנטיסעמיטישע צייטונגען כאַפּען גלייך אויף, דאָס קוים ווערען אידען געטריבען, האָבען זיי דאָך געוויס געמוזט בעגעהן עפּעס א פערראַטה, און אזוי ווי דיא ליניע פון דעם דייטשען פאָרווערטס־מאַרש איז בעוואוסט צו זיין אין דער ריכטונג צו שאַוועל, און אזוי ווי דיעזע אנטיסעמיטען זיינען צו פויל צו בעטראַכטען דיא מאַפּע, האָבען זיי גלייך בעשלאָסען דאָס דיא אויסווייזונג מוז געוויס קומען דערפון ווייל די קורלענדער אידען פיהרען אָן דיא דייטשען אין שאַוועל“.

און אזוי ווערען פאַבריצירט שפּיאָנען געשיכטען געגען אידען!

אַנדערע שפּיאָנען־געשיכטען.

קיין געשיכטע איז צו אבסורד פאַר זיי צו גלויבען און צו פערשפּרייטען.

עס איז געמעלדעט געוואָרען, און גאַנץ ערנסט געגלויבט געוואָרען, דאָס דיא אידען — ווער, וואו און ווען ווייס מען נישט — האָבען

פערפאקט אַנדערטהאַלבען מיליאָן רובעל אין א טרונע און אוועק־
געשיקט דיא טרונע נאָך דייטשלאנד.

דער רב הכולל און דיא אידישע געמיינדע פון ווארשוי האָבען
טעלעגראפירט צו דער „נאָוואָע וורעמיא" און אנדערע וויכטיגע צייטונ־
גען, פראָטעסטירענדיג געגען דיעזע מאָנסטריעזע בעליידיגונג געגען
אידען אין דער צייט ווען זייערע זיהן פערגיעסען זייער בלוט אויף דיא
שלאַכטפעלדער. דיא „נאָוואָע וורעמיא" האָט זיך ענטזאָגט צו דרוקען
דעם פּראָטעסט.*)

דיא אידישע געמיינדע פון פעטראָגראד האָט אַפּעלירט צום ווע־
ליקי קניאז ניקאָלאַי ניקאָלאיעוויטש, דער דאמאָלסדיגער הויפּט־קאָ־
מאנדיר פון דיא רוסישע ארמעען, אין דיעזע ווערטער:

„דיא גאנצע אידישע בעפעלקערונג וואָלט אויסשטויסען מיט
פעראכטונג און מיט צאָרן דיא דאָזיגע נידעריגע פערברעכער, וואס
פערגעסען זייער פפליכט און געוויסען און וואָלטען אין דיעזען
יאָהר פון אלגעמיינע אויפאָפּפערונג ברעכען זייער היילינע שבועה
פון לאָיאליטעט צום פאטערלאנד. אזא פערראַטה איז פרעמד צו
אונזער גלויבען און האָט קיינמאָהל נישט עקזיסטירט צווישען אי־
דען אין א גרעסערע מאָאס וויא צווישען אנדערע פעלקער.

„און דאָך, קיינמאָהל אין פערלויף פון יאהרהונדערטע, אָהן
אונטערשיעד צו וועלכע פערפאָלגונגען דיא אידען זיינען געווען
אונטערוואָרפען, האָט קיין רעגיערונג נישט פערדאמט אלע איה־
רע אונטערטהאַנען אלס פעררעטהער צו זייער לאנד. דאָס איז צום
ערשטען מאָהל אין דער היסטאָריע דאָס א רעגיערונג נעהמט אָן אזא
שטעלונג געגען אידען. אין דער סאמע צייט, ווען אונזערע זיהן
קעמפּפען אין דיא רייהען פיר דער עהרע און גרויסקייט פון רוס־
לאנד, ווערען מיר, זייערע פאָטערס, געהאַלטען פעראנטוואָרטליך
פאר דיא טהאטען פון אייניגע פערברעכער און מיר ווערען פער־
פאָלגט פאר אונזערע אייגענע זיהן. קיינמאָהל איז א מענש אָדער
פאָלק געווען אונטערוואָרפען צו גרעסערע יסורים וויא דיעזע, צו
ניעדריגערע שענדונג פון דער עהרע און זעלבסט רעספּעקט...

*) „נאָווי וואָסחאָד", אויג. 28 (סעפּ. 10) 1914. זייטע 22.

„אייער קעניגליכע האהייט! אין דיזע טרויעריגע שטונדע פון נסיון ווינשען מיר צו פערפלאנצען אין אונזער פאלק דעם גלויבען אין א ליכטיגע צוקונפט. מיר ווינשען צו פערהיטען דעם פערבאנד פון לאיאליטעט צו אונזער אלגעמיינע פאטערלאנד, וועלכעס איז אזוי נויטהיג פיר דעם וואהלזיין פון אלע פעלקער וואס בעוואוינען רוסלאנד, און וועלכעס איז אזוי מעכטיג ארויסגעוויזען געווארען ווען דער חוצפה'דיגער שונא האט אנגעגריפען רוסלאנד. מיר ווילען נישט ארייגלאזען שטרייט, פערצווייפלונג און טרויער דארט, וואו עס דארפען הערשען נאר איינינקייט, הארמאניע און האפנונג. און מיר וואגען צו אפעליערען צו אייער קייזערליכע האהייט, אין דער האפנונג אז דיזע בעליידיגונגען וועלען אויפהערען, דאס דער שטעמפעל פון אויסוואורף זאל ארונטערגענומען ווערען פון אונזערע געזיכטער און מיר זאלען קענען, אלס לאיאלע זיהן פון אונזער לאנד, פריי פון יעדען פערדאכט, בענוצען אונזער גאנצען כח אין דעם קאמפף מיט דעם אלגעמיינעם שונא."

קיין ענטפער איז אויף דיזען אונטערטהעניגסטען אפיעל נישט אנגעקומען. אין געגענטהייל, דיא פאליטיק צו ווארפען אויף די אידען דיא שולד פאר דיא רוסישע מפלות, איז נאך שטארקער אנגעפיהרט געווארען פון דיא מיליטערישע מאשין.

דער „רוסקי אינוואליד", דער אפיציעלער ארגאן פון דעם רוסישען קריעגס מיניסטעריום, האט אין פריהלינג 1915, גאנץ אפען בעשולדיגט די אידען אין אונלאיאליטעט און אין סימפאטהיזירען מיט די דייטשען און האט אפען צוגעשריבען די רוסישע מפלות צו דיזע אורזאכע.*)

מיליטערישע אוקאזען ווי דער פאלגענדער זיינען געווען א גאנץ געוועהנליכע ערשיינונג:

אוקאז נומער 89

ארויסגעגעבען צו די סאלדאטען פון דעם בעפעסטיגטען ראיאן, נאוואגעארגיעווסק, נאוו. 27, 1914.

די דייטשע צייטונגען דרוקען ארטיקלען, ערקלערענדיג דאס

*) „נאווי וואסחאד", אפריל 24 (מאי 7), 1915.

צווישען דיא רוסישע אידען געפינען דיא דייטשען פערלעסליכע חברים
וועלכע, אויסער וואס זיי סופלייען זיי מיט שפייז, זיינען אפט די בעסטע און דערצו נאך אונבעצאהלטע שפיאנען, וואס זיינען בערייט אריינ־צוטרעטען אין אירגענד וועלכע דיענסט אום צו שאדען דיא זאך פון רוסלאנד, און דאס אין דעם דייטשען זיעג זעהען די אידען זייער ער־לייזונג פון דער רוסישער אונטערדריקונג און פון דער פוילישער פערפאלגונג. עהנליכע אינפארמאציאן קומט אן פארטהווערענד פון דער ארמעע.

„אום צו בעשיצען די ארמעע פון דיא שעדליכע טהעטיגקייטען פון דער אידישער בעפעלקערונג, האט דער הויפט־קאמאנדיר פער־ארדענט דאס דיא ארמעען וואס פערנעהמען שטעדטלאך, זאלען נעהמען משכנות פון דער אידישער בעפעלקערונג און ווארנען דיא איינוואוינער דאס אין פאל פון פעררעטהערישע טהאטען פון אימיצען פון דיא לאקאלע איינוואוינער, ניט נאר אין דער צייט פון דער מיליטערישער בעזעצונג, זאנדערן אויך נאכ׳ן פערלאזען, וועלען דיא משכנות היינגעריכטעט ווערען, און אין פאל פון נויטה־ווענדיגקייט זאל עס טאקי אויסגעפיהרט ווערען.

„ביים פערנעהמען בעוואוינטע פונקטען, זאל מען מאכען פאר־זיכטיגע אביסקען אויסצוגעפינען וועגען דראטהלאזע טעלעגראפען, סיגנאלען, טויבען־סטאציאנען, אונטעראירדישע טעלעגראפען, א. ז. וו., און די פולע שטראף פון דעם געזעץ זאל אויסגעטהיילט ווערען צו יעדען וואס איז דערמיט פערבונדען.

„אנווייזונג: טעלעגראמעביי גענעראל אראנאווסקי, פון דיעזען יאהר, אונטערן נומער 3422. אונטערצייכענט, דער הויפט פון דעם פעסטונגס ראיאן.

„גענעראל פון דער קאוואלעריע, באביר.“

דיעזער אוקאז איז ערשיענען דעם 2־טען דעצעמבער 1914, זעכס אוהר אבענדס, און האט באלד געבראכט פראספעריטי פאר מוסרים און געלד־ציהער, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען ביי א קריעגס געריכט אין לאמזשע, וואו עס איז בעוויזען געווארען דאס דריי מיטגליעדער פון א סיגנאל קארפוס האבען „פערפלאנצט“ א טעלעפאן אין א מואווינג פיקטשור טהעאטער פון א איד מיט דעם נאמען אייזענביגעל, דערנאך

האָבען זיי דעם אידען אַרעסטירט און געפאָדערט פון איהם פינף טויזענד רובעל „לא יחרץ געלט".

ביי דיזען פּראָצעס איז אַרויסגעקומען, דאָס איינער פון דיזער חברה איז געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר דער הינריכטונג פון ניט ווע־ניגער ווי 17 אונשולדיגע אידען, וואָס זיינען געהאַנגען געוואָרען אַלס שפּיאָנען בלויז איבער דעם, וואָס זיי האָבען ניט געקענט, אָדער ניט געוואָלט, צאָהלען די כאַבאַר, וואָס ער האָט פערלאַנגט *).

אפילו די לאָיאַליטעט פון די אידישע סאָלדאַטען איז אויך אָפּי־ציעל געבראַנדמאַרקט געוואָרען אַלס צווייפעלהאַפט.

דער אוקאַז נומער 1193 פון דעם גענעראַל־שטאַב, דאַטירט דעם 27טען אַפּריל 1915, בעאויפטראַגט אַלע סאָלדאַטען „נאָכצושפּירען די אידישע סאָלדאַטען — בעזאָנדערס זייער בערייטקייט זיך אונטערצוגעבען אַלס געפאַנגענע — און זייער אויפפיהרונג אין אַלגעמיין".

אָבער די פערשפּרייטונג פון דיזען סאָרט אוקאַזען האָט געבראַכט אַ קאַטאַסטראָפע אויף די רוסישע אַרמעען. דורך בראַנדמאַרקען די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג אַלס פעררעטהעריש, האָבען די מיליטע־רישע בעאַמטע ערמוטהיגט די פּאָליאַקען צו פאַבריצירען נייע בלבולים, וואָס זייער פערשפּרייטונג האָט נאָר פערערגערט דעם מיסטרויען פון די בעפעלקערונגען און פערוואַנדעלט דעם גאַנצען קאַמפּפס־שטח פון פּוילען פאַר אַ זומפּ פאַר די רוסישע אַרמעען. די סאָלדאַטען האָבען ניט געוואוסט וועמען יאָ טרויען און וועמען ניט. אַנשטאַט צו קעמ־פּען אויף פריינדליכען גרונד, צו זיין ווילקאָמען און צו ווערען אונ־טערשטיצט דורך די מאָראַלישע און עקאָנאָמישע קוועלען פון דער ציווילער בעפעלקערונג, האָבען די רוסען געמוזט קעמפּען אויף גרונד, וואָס איז אונטערגעמינעוועט געוואָרען פון האַס, שטרייט און מיס־טרויען.

ווען די רוסען האָבען אָנגעפאַנגען צו בעגרייפען דיזען קלעגליכען צושטאַנד, האָבען איייניגע קאָמאַנדירען געמאַכט פערצווייפעלטע פער־זוכען אָפּצוהאַלטען די שפּיאָנען־משוגעת.

---

*) „נאַשע סלאָוואָ", יוני 24, 1915.

גענעראַל פּ. קורלאָוו האָט אַרויסגעגעבען דעם פאָלגענדען אוקאַז אין די באַלטישע פּראָווינצען, דעם 25טען פעברואַר 1915:

אוקאַז נומער 27.

„לעצטענס קומען אָן אַלץ מעהר און מעהר אַנאָנימע מסירות און געשיכטען וועגען פערברעכענס און האַנדלונגען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט די מלחמה־צושטענדע פון די פּראָווינצען אונטער מיין אויפזיכט. אַזעלכע געשיכטען האָבען ניט נאָר קיין בעשטעטיגונג אין די מייסטע פעלע, זאָנדערן די אונטערזוכונגען בעווייזען, דאָס אין דער מאַיאָריטעט פון פעלע זיינען זיי פעראורזאַכט געוואָרען ניט דורך אַ פּאַטריאָטישען וואונש צו העלפען די מיליטערישע בעאַמטע, זאָנדערן דורך פערזענליכע אורזאַכען פון ראַכע, וואָס אין קריגס־צייט קען עס ניט נאָר ניט צוגעלאָזען ווערען, זאָנדערן עס איז בעזאָנדערס פערברעכעריש. דורך אָפּווענדען די מיליטערישע בעאַמטע פון זייערע נעטיגע פליכטען, פערשפּרייטען דיזע געשיכטען אונאָרדנונג און אויפרעגונג צווישען דער לאָקאַלער בעפעלקערונג.

„איך האָב געבעטען די פערשיידענע גובערנאַטאָרען אַרויסצוגעבען אוקאַזען צו די פּאָליציי־בעאַמטע אונטער זייער אויפזיכט, אַז זיי זאָלען ניט מאַכען קיינע אונטערזוכונגען אויף דעם באַזיס פון אַנאָנימע מסירות, אויסער אין אויסערגעוועהנליכע פעלע (אַרטיקעל 300 פון דעם קרימינאַל־קאָדעקס), נאָר צושיקען דיזע מסירות צו מיר און וואַרטען אויף מיינע בעפעהלען.

„אין פאַל פון אונטערצייכענטע מסירות, זאָלען די פּאָליציי־בעאַמטע קודם כל אויספרעגען דעם מסור און וואָרנען איהם וועגען די פאָלגען פון אַ פאַלשער מסירה, און אויב צייכענס פון פערברעכען ווערען בעשטעטיגט דורך דיזען פערהער, זאָל עס פערהאַנדעלט ווערען לויט אַרטיקלען 250 ביז 261 פון דעם קרימינאַל־קאָדעקס, אָדער די גובערנאַטאָרען זאָלען בעשטימען די שטראָפען אין זייער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט.

„איך בעפעהל די פּאָליציי־בעאַמטע נאָכצופאָלגען שטרענג

אַרטיקעל 254 פון דעם קאָדעקס אין זייער אונטערזוכונג. עדות וואָס ווערען געפונען אין זאָגען פאַלש עדות, זאָלען זיין אונטערוואָרפען צו קרימינאלע אַנקלאגע אונטער ארטיקעל 940 פון דעם קאָדעקס. „אין אַנבעטראכט פון דעם בעזאָנדערס קרימינעלען כאראקטער פון פאַלשע מסירות אין קריעגס צייט, וועל איך אַנוועגדען די שטרענג־סטע מיטלען געגען דיא יעניגע וואָס ווערען געפונען שולדיג אין דיעזען פערברעכען.

„איך האָב געבעטען אלע גובערנאטאָרען צו פערעפענטליכען דיעזען אוקאַז פאר אַלעמען.“*)

אונטערדריקונג פון דער אידישער פרעסע און שפראך.

עס ווייזט זיך אוים, אז דיא עהנליכקייט פון דער אידישער שפראך צו דער דייטשער, האָט פאר דיא אידען געבראכט נאָך צרות. דאָס בענוצען פון דער אידישער שפראך אין רעדען, שרייבען, איבער׳ן טעלעפאָן, אויף דער ביהנע, א. ז. וו. איז פערבאָטען געוואָרען דורך דיא מיליטערישע און ציווילע בעאמטע אונטער שווערע שטראפען און געפענגנים.

אין לאָדזש, ווילנא, ריגא, ווארשוי און אנדערע אידישע צענטערס זיינען פערבאָטען געוואָרען אידישע פאָרשטעלונגען און די טהעאטערס זיינען געשלאָסען געוואָרען.

בריעף וואָס זיינען אנגעקומען פון אויסלאנד נאָך רוסלאנד אין יעדע שפראך, אויסער אידיש, זיינען דורכגעגאנגען די צענזורע, אָבער אידישע בריעף האָט מען גאָר אינגאנצען פערוואָרפען.

אין יולי 1915 האָט דער קאָמאנדיר פון די רוסישע ארמעען ארויסגעלאָזט דעם פאָלגענדען אבסאָלוטען אוקאַז:

„אויף דעם באַזים פון דער מאכט וואָס ווערט מיר אַנפערטרויט אונטער פאראגראף 6, ארטיקעל 415, סעקציאָן 6, פערבאָט איך פאָסט און טעלעגראף מיטטהיילונגען אין דער געגענד וואָס איז

*) „רעטש“, מאי 8 (21), 1915.

פערנומען פון דער ארמעע וואס איז מיר אנפערטרויט געווארען, אין דיא אידישע, דייטשע און אונגארישע שפראכען."*)

דורך דיעזען אוקאז האט די רוסישע רעגיערונג נים נאר געבראנד־מארקט דיא גאנצע אידישע בעפעלקערונג אלס שפיאנען און פעררע־טהער, זאנדערן זיא האט אויך פערוועהרט הונדערטע טויזענדע אידישע סאלדאטען ביים פראנט צו שרייבען בריעף צו זייערע קרובים, ווייל פיעלע פון דיא סאלדאטען האבען דורך דיא רוסישע בעשרענקונגען גע־גען בילדונג נישט געהאט די מעגליכקייט צו ערלערנען לעזען און שריי־בען רוסיש. דעם אידישען סאלדאט וואס האט נים געקענט שרייבען רו־סיש, האט די רעגיערונג אלזא נישט געגעבען אפילו דאס שטיקעל טרויסט צו קענען שרייבען א ווארט צו זיינע טהייערסטע אין דער היים.

ביים אנפאנג פון דער מלחמה האבען די מיליטערישע צענזארס אנגענומען די קאמאנדע איבער דער גאנצער פרעסע אין רוסלאנד. דאס זיי האבען בענוצט זייער מאכט מיט דער גרעסטער אונארענטליכקייט געגען דער אידישער פרעסע, איז אפען בעשולדיגט געווארען אין דער דומא פון די דעפוטאטען מיליוקאוו, באמאש, סוכאנאוו און אנדערע, וועלכע האבען אנגעוויזען, דאס אויב די צענזארס ציעלען צו אונטער־דריקען יעדע וואהרהייט און צו ערמוטהיגען יעדען ליגען געגען די אידען, האבען זיי נים געקענט אנפיהרען א בעסערע פאליטיק. דער דעפוטאט באמאש האט צוגעשטעלט דיא פאלגענדע קאנקרעטע ביי־שפיעלע אלס בעווייזע ווי אזוי די צענזור פערדרעהט די פאקטען:

1.—זי האט סיסטעמאטיש אויסגעלאזט אדער צוקאליעטשעט די נעמען פון אידען וואס האבען געקראגען דעם געארגיעווסקי קרייץ, אום מען זאל נישט דערקענען אז די העלדען זיינען אידען.**)

פאר רעטען א פערוואונדעטען רוסישען אפיציער, קענטיג אונטערן פייער, איז דער סאלדאט ב. מ. א. פון דעם דארף סטרוימין, מאהליווער גובערניע, בעלוינט געווארען מיט דעם געארגיעווסקי קרייץ פיערטע קלאססע.

---

*) „יעוורעיסקאיא זשיזן", יולי 19 (אויג. 2), 1915. זייטע 42.

**) דא איז א ליסט ענטנומען, נישט געקליבען, פון איין אויס־גאבע פון דעם „ראזסוויעט", אפריל 5 (18), 1915, זייטע 34.

דער סאָלדאַט ס. י. ר. איז בעלוינט געוואָרען מיט דעם געאָרגיעווסקי קרייץ פיערטע קלאַססע.

דער סאָלדאַט א. ח. ל. פון דעם דאָרף סאָקסאגאן, יעקאטערינאָסלאַווער גובערניע, איז בעלוינט געוואָרען מיט געאָרגיעווסקי קרייצען דריטער און פיערטער קלאסע און איז ערהויבען געוואָרען צום אַמט פון אונטער - אָפיציער.

פאר ראטעווען דעפעשען פון דעם שטאַב צו זיין באַטאַליאָן, אונטער דעם שונא'ס שטארקען פייער, איז דער סאָלדאט ב. ס. ג. בעלוינט געוואָרען מיט דעם געאָרגיעווסקי מעדאל און ערהויבען געוואָרען צום אמט פון קאָרפּאָראַל.

שווער פערוואונדעט און יעצט אין שפּיטאָל אין מאָסקווא, איז אבר. ב. בעלוינט געוואָרען מיט א מעדאל, וואָס דעם קיסר'ס אדיוטאַנט אָרלאָוו האָט איהם פערזענליך איבערגעגעבען.

א לאנגע ליסטע פון אזעלכע אויסצייכנונגען ווערט געדרוקט אין יעדע אויסגאבע פון דיעזער צייטונג.

2.—ווען דער גאָלאָווא פון פעטראָגראד האָט גראטולירט דיא אידישע געמיינדע אויף דיא העלדענטהאטען פון דעם 13־יעהריגען אינגעל קויפמאן, האָט דער צענזאָר אונטערדריקט דעם פאַקט דאָס קויפמאן איז א אידיש קינד און דאָס דיא געמיינדע וועלכע איז גראטולירט געוואָרען איז דיא אידישע געמיינדע.

3.—געשיכטען אין דער רוסישער פּרעסע וועגען דיא העלדענטהאטען פון דיא אידען אין דער פראנצויזישער ארמעע, ווערען ענטוועדער גענצליך אונטערדריקט, אדער די אידישע נעמען ווערען אויסגעלאָזט.

4.—א שטיקעל נייעס וואָס האָט בעריכטעט דאָס גענעראל סעמיאָנאָוו, וועמען אידישע סאָלדאטען האָבען געראַטעט פון אריינפאלען צו דיא דייטשען, בעהאנדעלט די אידען מיט גרויס פריינדליכקייט, איז אונטערדריקט געוואָרען פון דער צענזור.

5.—בריעף פון רעגימענטאלע קאָמאנדירען צו עלטערען פון אידישע סאָלדאַטען, גראטולירענדיג זיי אויף דער בראווהייט פון זייערע זיהן, אָדער בעריכטענדיג וועגען דיא בעלוינונגען וואָס זיי האָבען געקראָגען, זיינען אונטערדריקט געוואָרען.

6. — די מיליטערישע צענזורע האט אונטערדריקט נייעס פון ניט=מיליטערישען כאראקטער, ווען אימער דיזע נייעס האט געקענט אויסגעטייטשט ווערען אלס פריינדליך צו אידען. אזוי, צום ביישפיל, איז אונטערדריקט געווארען א שטיקעל נייעס וועגען די טעטיגקייטען פון אלע בירגער, אהן אונטערשייד פון רעליגיאן, אין דער נאציאנאלער רעליעף קאמיטע, פון וועלכע דעם צאר'ס טאכטער טאטיאנא איז אן דער שפיץ. עס איז אויך אונטערדריקט געווארען א שטיקעל נייעס, דאס דער מיניסטארען=ראט איז געגען דער פאליטיק פון די האלסייל גירושים און פערראטס=בעשולדיגונגען געגען די אידען.

7. — אפילו די אפיציעלע ערקלערונג פון גראף באברינסקי, דער רוסישער מיליטערישער גענעראל=גובערנאטאר פון גאליציען, דאס די אידען אין גאליציען האבען זיך אויפגעפיהרט ארענטליך, איז אויך אונטערדריקט געווארען.

8. — דאגעגען אבער, זיינען שענדליך=פאלשע געשיכטען אין די בעוואוסטע אנטיסעמיטישע צייטונגען גאר אהן צענערונג דורכגעלאזט געווארען. די „נאוואיע ורעמיא”, די „רוסקאיע זנאמיא” און אנדערע אנטיסעמיטישע ארגאנען, האבען סיסטעמאטיש געדרוקט בעריכטען פון אידישע דעזערטירונגען, פערראטהען, שפיאנעריי, א. ז. וו., אהן א פינטעלע פון בעוויז, אבער ביים צענזאר זיינען דיזע געשיכטען געווען גאנץ גוט. אזוי האט די „רוסקאיע זנאמיא” ערקלערט, דאס מען קען זיך ניט אנפערטרויען אויף דער לאיאליטעט פון קיין איינציגען אידישען סאלדאט. די „נאוואיע ורעמיא” האט ערקלערט, דאס די אידען זיינען אהן אויסנאהם פערביטערטע שונאים פון דער רוסישער ארמעע. דורך דער יאפאנישער מלחמה, האט זי ערקלערט, האבען פון 27 טויזענד אידישע סאלדאטען 18 טויזענד זיך אונטערגעגעבען פרייוויליג צו די יאפאנעזער. געשיכטען אהן נעמען, אהן דאטען און אהן פלעצער האבען דערצעהלט, דאס פוילישע קינדער האבען געווארנט די רוסישע סאלדאטען ניט צו נעהמען קיין זאך פון די אידען, ווייל אלעס, וואס אידען וועלען זיי געבען, וועט זיין פערגיפטעט. דיזע געשיכטען זיינען דורכגעגאנגען דער צענזורע. דער בעריהמטער ליגען פון קוזשי איז ניט נאר דורכגעגאנגען די צענזורע און איז געווען געדרוקט אין דער אפיציעלער

רוסישער פּרעסע, זאָנדערן די צענזאָרס האָבען נאָך געגעבען אָנצוהערען צו יענעם טהייל פון דער פּרעסע וואָס האָט געציטערט צו דרוקען אזא פויעריש־אבסורדען ליגען, דאָס זייערע צוקונפטיגע פערהעלטניסע מיט דער צענזורע וועלען זיין אין געפאַהר אויב זיי וועלען די געשיכטע נשט דרוקען. רעדאקטערע האָבען ערהאלטען אן אונאויפהערליכען שטראָם פון צירקולארען פערביטענדיג זיי צו בעריהרען פראגען, וועלכע האָבען גאָר קיין שום שייכות געהאט מיט דער מלחמה.

9. — ווען די גרויסע שריפטשטעלער און פּובליציסטען פון רוסלאנד האָבען בעשלאָסען אז עס איז ווינשענסווערטה, פיר דער עהרע פון רוסלאנד, צו זאָגען א גוט וואָרט פאר די אידען, האָט דער מיליטעריש־ער צענזאָר אונטערדריקט זייער בראָשורע. אפילו דער נאָכפראגע־בריעף וואָס איז פון דיזע בעריהמטע מענער ארויסגעשיקט געוואָרען, אום אויסצוגעפינען אוסקינפטע וועגען דעם אנטהייל פון די אידען אין דער מלחמה, איז אונטערדריקט געוואָרען. דאָס אידיש־רוסישע וואָכענבלאט „נאָווי וואָסכאָד" איז בעשטראָפט געוואָרען מיט צוויי טויזענד רובעל און דערנאָך גענצליך אונטערדריקט געווארען דערפאר ווייל עס האָט אָפּגעדרוקט דיזען בריעף.

אָבער טראָץ די אלע אונטערדריקונגען, האָבען די זעכס מיליאָן אידען אין רוסלאנד נאָך געפונען מיטלען זיך צו האלטען אינפאָרמירט וועגען דער אויפפיהרונג פון זייערע זיהן אויפ'ן שלאכטפעלד, און וועגען אידישע ענינים אין אלגעמיין, דורך די עטליכע אידישע צייטונגען, וועלכע האָבען ווי עס איז פאָרגעזעצט זייער קאמפף, טראָץ אלע שטראָפען און סוספענדירונגען פון דער צענזורע. דעם 5טען יולי 1915 איז אָבער די אידישע פרעסע גאָר איינגאנצען אונטערדריקט געווארען און די אידען זיינען געבליעבען אין דער פינסטער, אָפּגעהאקט איינער פון אנדערען און זיי אלע צוזאמען פון דער גאנצער וועלט. זיי האָבען נישט די מעגליכקייט צו קומען אין פערבינדונג איינער מיט דעם אנדערען און מיט דעם רוסישען פּובליקום. זיי קענען נישט פערמיידען קיין העצען און קיין בלבולים, און האבען נישט די מעגליכקייט אָפּצו־ליקענען די ליגענס וואָס ווערען פערשפּריט געגען זיי. דיא אידען אין רוסלאנד לעבען אין בעשטענדיגען טויט־שרעק, טאָמער וועט אויסגע־קלעהרט ווערען עפּעס א נייער ליגען פון דעם „קוזשי מין" און ווידער אויפפלאמען דאָס גאנצע לאנד געגען זיי.

האלסייל גירושים

דער עפענטליכער אָפיציעלער מיסטרויען פון דער אידישער בעפעל־קערונג אין רוסלאנד איז געשטיגען מיט די רוסישע מפּלות, וואס די בעאמטע האָבען געזוכט צו בעאיינדרוקען אז די אידען זיינען פעראנט־וואָרטליך פאר זיי. דאָס האָט ארויסגעבראכט דעם שפּיאָנען משוגעת, אפּגעטהיילט די אידען אלס געפעהרליכע מענשען און זיי איבער־געליפערט הלפלאָז אין די הענד פון די קאָזאַצקע סאָלדאטען און די פיינדליכע פּאָליאַקען. די רציחות וואָס זיינען בעגאנגען געווארען געגען די אידען אין פּוילען און אין גאליציען, האבען מיר שוין ציטירט. אָבער נאָך א שרעקליכערע פאָלגע פון דער רעגירונגס שטעלונג געגען די אידען איז געווען די סיסטעמאַטישע ארויסטרייבונג פון דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג פון דער מלחמה ראיאָן, א טהאט וואָס האָט אָנגענומען דעם כאראקטער פון אַן אונערבארעמדיגע מלחמה פון רוסלאנד אויף איהר אייגענע בעפעלקערונג.

פון דעם סאמע אָנפאנג פון דער מלחמה זיינען געווען איינצעלנע פעלע, אין וועלכע אידען זיינען פעררעכטיגט געווארען אין אונטרייי־הייט, זיינען געטריעבען געווארען פון געוויסע געגענדען. עס זיינען אויך געווען צוואוואָרפענע גירושים, גיכער געצוואונגענע אויסוואנדערונגען, פון גאַנצע בעפעלקערונגען פון געגענדען וואָס די בעאמטע האָבען געוואָלט אויסליידיגען פיר מיליטערישע אָפּעראציאָנען. אָבער אין מערץ 1915 האָבען די בעאמטע אָנגעהויבען סיסטעמאַטישע גירושים פון אלע פּוילישע פּראָווינצען, אפילו די געגענדען וואָס זיינען נישט פערנומען געווארען פון די דייטשען, און פון קאָוונער און קורלאנדער גובערניעס, בעריהרענדיג דערמיט ארום 30 פּראָצענט פון דער גאנצער אידישע בעפעלקערונג פון דער אימפעריע. אפילו דער אידישער דעפּו־טאַט פון קאָוונער ראיאָן, פריעדמאַן, איז ארויסגעטריעבען געווארען, טראָץ זיינע קאָנסטיטוציאָנעלע פּריווילעגיען אלס א מיטגליעד פון דער דומא.

די ערשטע ליידענדע זיינען געווען דיא אידישע איינוואוינער פון די קלענערע שטעדטלאַך. אין א גאַנץ קורצע צייט איז דיזער ראיאָן וואו די אידען האָבען פאָרמירט איבער 80 פּראָצענט פון דער בעפעל־

קערונג אין די קליינע שטערטלאך, אבסאלוט אויסגעליידיגט געווארען פון אידישע איינוואוינער. *)

עס איז נאר געווען דורך דער שנעלער דייטשער אריינדרינגונג אין דיעזען טעריטאריום, וואס האט פערהינדערט אז יעדער איינער פון דיא צוויי מיליאן אידען זאל פערטריעבען ווערען. און די וואס זיינען פערבליעבען אין דיעזען טעריטאריום זיינען שוין פערשפראכען געווארען, דורך אן אוקאז פון די אלערהעכסטע מיליטערישע בעאמטע פון רוסלאנד, דאס זיי וועלען פערטריעבען ווערען אזוי שנעל ווי די רוסישע סאלדאטען וועלען נאר צוריקגעווינען דעם באדען. **)

די אויספיהרונג פון די אויסווייזונגס אוקאזען איז געווען אונערבארעמדיג. די צייט וואס איז אין אלגעמיין ערלויבט געווארען, ז'געווען 24 שטונדען, זעלטען 48 שטונדען. די אידישע איינוואוינער פון קאוונער און קורלאנדער גובערניעס האט מען געגעבען פון 5 ביז 24 שטודען נאטים. ***)

די אידען אין קאוונא גופא האט מען צו וויסען געגעבען אין אבענד פון 3טען מאי, דאס ביז האלבע נאכט פון 5טען טאהר דארט קיין איינציגער פון זיי בלייבען.

גרויזאמקייט פון בעאמטע.

אין א רעדע אין דער דומא האט דער ניט־אידישער דעפוטאט דזובינסקי ערקלעהרט:

„אלס פערטרעטער פון אונזער 5טע סיבירישע דיוויזיאן בין איך אליין געווען אויף דער סצענע און איך קען עדות זאגען מיט וועלכע שרעקליכע גרויזאמקייט מען האט געטריעבען דיא אידען פון ראדאמער גובעריע.

„די גאנצע בעפעלקערונג האט מען ארויסגעטריעבען אין צייט פון עטליכע שטונדען אין מיטען נאכט. אום 11 אוהר ביי נאכט האט מען זיי מיטגעטיילט דאס זיי מוזען אוועק, סטראשענדיג צו הענגען

*) „זעמיא לובעלסקא", אפריל 23, (מאי 6), 1915.

**) „רעטש", מאי 10 (23), 1915.

***) „יעווריעסקאיא נעדעליא", יוני 14, (27), 1915.

יעדען וואָס וועט פערבלייבען ביז טאָג אין אזוי האָבען אין דער פינסטערניס פון דער נאכט די אידען גענומען וואנדערען צו דער נעהנטסטער שטאָדט אילזשא, ארום 30 וויאָרסט ווייט. אלטע לייט קראנקע און פאראליזירטע האָט מען געמוזט טראָגען אויף די ארעמס, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין פוהרען.

„די זשאנדארען און פּאָליציי בעהאנדלען די אידישע פליכט־לינגע וויא פערברעכער. אין איין סטאציאָן, צום ביישפּיעל, אין האָמעל, האָט מען דער אידישער קאָמיטע נישט ערלויבט צוצוקומען צו די טריינס אום צו געבען די אונגליקליכע שפּייז און וואסער. אין איין פאל איז א טריין געווען פערזיגעלט. ווען מען האט געעפענט די וואגאָנען, האָט מען די מייסטע פון אונגליקליכע געפונען האלב טויט, 16 זיינען געווען קראנק אויף סקארלעטינע און איינער אויף טיפוס.

„אין מאנכע פלעצער האָבען די גובערנאטאָרען זיך איינפאך לוסטיג געמאכט איבער די אונשולדיגע קרבנות. אין דיעזע הינזיכט האָבען זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט די גובערנאטאָרען פון מינסק, פּאָלטאווע און יעקאטערינאָסלאוו... זיי האָבען פון די קרבנות אויף אַן אונגעזעצליכען אופן צוגענומען זייערע פּאספּאָרטען און זיי ארויסגעגעבען צייטווייליגע סערטיפיקייטס אינסטרואירענדיג זיי צו ערשיינען אויף בעשטימטע פלעצער אין איינע פון פינף גובערניעס אין א בעשימטען טאָג. ווען זיי זיינען געקומען אין דיעזע פלעצער, האָט מען זיי ארומגעווארפען פון איין פונקט צום אנדערען, לויט דעם קאפּריז פון די לאָקאלע בעאמטע.

„אין פּאָלטאווע איז די אידישע רעליעף קאָמיטע געטאדעלט געוואָרען פון דעם גובערנאטאר פאר אָננעהמען דעם נאָמען „קאָמי־טעט צו העלפען אידישע מלחמה ליידענדע“ און האט זיי געהייסען ענדערען זייער נאָמען אויף „קאָמיטעט צו העלפען די ארויסגעטריע־בענע“. די אידען האָט דער גובערנאטאָר ערקלעהרט אין זיין אָפיציעלען אוקאז, ווערען געטריעבען ווייל זיי זיינען פּאָליטיש אונפערלעסליך, און זיי פערדיענען דערפאר קיין הילפע.“ *)

קיין אונטערשיעד איז געמאכט געווארען וועגען געשלעכט אָדער

---

*) „יעווריסקאיא זשיזן“, אויג. 9, 1915. זייטען 19-20.

פיזישען צושטאנד, אלטע לייט, פרויען, קינדער, וואהנזיניגע פון די איררענאנשטאלטען, אפילו פערוואונדערטע און פערקריפעלטע אידישע סאָלדאטען — אלעמען האָט מען געטריעבען, אָהנע דער מינדעסטער אנבעטראכטונג פון מענשליכקייט און אנשטענדיגקייט. פרויען האבען אויף זייער מיזעראבעלען גלות־וועג געבאָרען קינדער, פאמילען זיינען צובראכען און צושפרייט געווארען. צעהנדליגע טויזענדע האָבען געמוזט מארשירען אין הינטערוועגען אוים מורא פאר סאָלדאטען, קריכען דורך וועלדער און זומפען און דארט אומ־קומען פון הונגער און קעלט.

דער סך הכל פון די אידען וואָס האָבען געליטען פון די גירושים איז אונבעוואוסט. די גירושים געהען נאָך יעצט אויך אָן. אנפאנג יוני 1915 האָט די פעטראָגראדער סענטראל קאָמיטע אויסגערעכענט, דאָס דער סך־הכל פון די היימלאָזע אידען, וואָס זיינען רואינירט געוואָרען דורך די גירושים אין פוילען און אין דעם נאָרד־וועסטליכען ראיאָן, בעטרעפט ווענינגסטענס 600 טויזענד. *)

נאָך דעם קאָוונא־קורלאנד גירוש, זיינען בלויז אין ווילנער גובערניע אליין זיך צוזאמענגעלאָפען ארום 200 טויזענד פליכטלינגע. (**

אין ריגא ארום 42 טויזענד ***)
און אין וואָהלין מעהר ווי 250 טויזענד.****)

מענשען אלם משכנות

עם זענען דאָ בעווייזע, וואָס צייגען דאָס דיא רוסישע רעגירונג, ווען זי האָט גענומען ליידען דיא שרעקליכע פאָלגען פון איהר גירוש פאָליטיק, האָט בעאויפטראגט דיא מיליטערישע בעאמטע צו בעטראכט־ען דיא ראטהזאמקייט פון ערלויבען דיא פערטריעבענע זאלען זיך אומ־קעהרען צו זייערע היימס, אבער דיעזע בעאמטע האבען זיך ענטזאגט

---

*) „היינט“ מאי 21 (יוני 3), 1915.
**) „יעוורעיסקאיא נעדעליא“, מאי 31 (יוני 13), 1915.
***) „יעוורעיסקאיא נעדעליא, יוני 14 (27), 1915.
****) „רעטש“, אויג. 6. (19), 1915.

צו בעטראכטען דיא זאך, אויסער מיט דער בעדינגונג דאס דיא אידען זאָלען פרייוויליג געבען ערבים פון צווישען זייערע אייגענע, נעמליך זייער רב און דיא חשוב'סטע בעלי־בתים. דיעזער פאָרשלאג איז איבעראל צוריקגעוויזען געווארען פון דיא אידען דורך זייער פערטרעטער אין דער דומא, דעפוטאט פריעדמאן, אין א בריעף צום פאָרזיצענדען פון דעם מיניסטאָרען־ראטה:

„אלס א דעפוטאט פון קאָוונער גובערניע, פון וועלכע איך צוזאמען מיט אלע אנדערע אידען זיינען יעצט פערטריעבען, בעטראכט איך אלס מיין פפליכט אויפמערקזאם צו מאכען אייער עקסצעלענץ וועגען פאָלגענדעס:

„לויט די פעראָרדנונגען פון די בעאַמטע ערלויבט מען דיא פערטריעבנע אידען צוריקצוקומען אהיים, מיט דער בעדינגונג זיי זאָלען געבען ערבים. דיעזע מאנסטריעזע בעדינגונג, וואס די רעגירונג ציעלט ארויפצולעגען אויף איהרע אייגענע אונטערטהאנען וועלען דיא אידען קיינמאל נישט אויפנעהמען. זיי וועלען ליבערשט ארומוואנדערען היימלאָז און שטארבען פון הונגער, איידער זיך אונטערצוגעבען צו פאָרדערונגען וואס בעליידיגען זייער זעלבסט־רעספעקט אלס בירגער און אלס אידען. זיי האָבען עהרליך ערפילט זייער פפליכט צו זייער לאנד און וועלען טהאָן דאס זעלבע ביז דער סאמע ענדע. קיינע אויפאָפּפערונגען וועלען זיי איבערשרעקען און קיינע פערפאָלגונגען וועלען זיי אראָפּפיהרען פון דעם עהרענהאפטען וועג. אָבער אויך וועלען קיינע פערפאָלגונגען זיי צווינגען אנצונעהמען א ליגען, צו זאָגען עדות, דורך ניעדעריגע אונטערגעבונג,דאס דיא מאָנסטריעזע בלבולים געגען זיי זיינען אמת. ווען דער בעליידיגענדער שונא איז אנגעפאלען אויף רוסלאנד, האָבען די אידען זיך אויפגעהויבען צו בעשיצען זייער לאנד מיט זייערע בריסט, און איך האב געהאט דיא עהרע צו ערשיינען ביי דער היסטאָרישער זיצונג פון דער דומא אלס זייער פאָרשטעהער אין דעם אויסדרוק פון דיעזען פרייוויליגען בעגייסטערענדען ענטהוזיאזמוס. דיא אידען האָבען מיט צופרידענהייט אנגענומען דיא אלע אויפאָפּפערונגען וואס זייער לאנד האט פון זיי געפאָדערט, דורך דעם געפיהל פון פפליכט צום לאנד צו וועלכען זיי זיינען געבונדען דורך יאהרהונדערטע־אלטע היסטאָרישע באנדען, און אויך דורך דער האָפנונג פיר א ליכטיגערע צוקונפט. און איך מעג זאָגען מיט דער טיעפסטער איבערצייגונג אז

אפילו יעצט, נאָך דעם אַלעמען וואס מיר האבען דורכגעמאכט, איז דיעזער חוש פון פפליכט אזוי שטארק וויא אימער. אָבער מיט דער זעלבער טיעפער איבערצייגונג בעטראַכט איך אלס מיין רעכט און פפליכט צו ערקלעהרען, דאס קיינע בערויבונגען וועלען צוטרייסלען אונזער פעסטער איבערצייגונג, דאס אלס רוסישע אונטערטהאנען קען מען אונז נישט מאכען פאר קרבנות פון מאסרעגלען וואס ווערען אנגעווענדעט נאר צו שונאים און פעררעטהער; דאָס מיר בעטראכטען זיך און וועלען קיינמאל נישט אויפהערען זיך צו בעטראכטען אלס העכער פון יעדען פערדאכט פון פערראַטה צו אונזער פפליכט און צו אונזער שבועה. אויב די בעאמטע ווינשען באמת אומצוקעהרען דיא פערטריעבענע אידען צו זייערע היימס, מוזען זיי אנערקענען דיעזען געפיהל, וועגען וועלכען איך קען עדות זאָגען אונטער א שבועה, אויף דעם באזים פון פיעלע געשפּרעכען און בעאָבאכטונגען, אז עס איז צווישען אונז אלגעמיין, דיעזע ערלויבנים זיך אומצוקעהרען אונטער שענדליכע בעדינגונגען איז נאָר א נייע זינלאָזע בעליידיגונג. אזוי פיהלט דיא גאנצע אידישע בעפעלקערונג, און אין דיעזען געפיהל טהייל איך אויך, אלס זייער פערטרעטער.“

די צרות פון די פליכטלינגע

די פלוצלונגע ענטוואָרצלונג פון א גאנצען פאָלק פון דעם לאַנד אין וועלכען עס האט געוואוינט זייט יאָהרהונדערטע, האָט געבראכט א שרעקליכע קאטאסטראָפע פאר די אידען פון רוסלאַנד און פּוילען. עס ווערט געשאצט, דאָס כמעט דריי פון די זעקס מיליאָן אידען אין רוסלאַנד און אין פוילען זיינען יעצט אָהן לעבענסמיטעל.

שרעקליך און אונגעהייער ווי דער עקאָנאָמישער פערלוסט איז, איז אָבער דער מאָראלישער פערלוסט נאָך פיעל שרעקליכער. דאָס אידישע געמיינדען־לעבען איז חרוב געווארען. פיעלע פון די שטעדט פון וואנען אידען זיינען פערטריעבען געווארען, זיינען געוועזן די צענטערס פון אידישע קולטור. די מייסטע אידישע בילדונגס אנשטאלטען זיינען געשלאָסען געווארען און פיעלע שוהלען און געביידען פון אינסטיטוציאָנען זיינען צערשטערט געוואָרען. מען קען מיט זיכערהייט זאָגען, אז דיעזען שאָדען קען נישט צורעכט געמאכט ווערען אויף דורי־דורות.

די דעמאָראַליזאַציאָן און פעראַרמונג פון די איינצעלנע פליכט־לינגע זיינען שמערצהאפט בעמערקבאר איבעראל. שנאָרעריי, וואָס איז געווען כמעט אונבעקאנט צווישען אידען, איז יעצט א גאנץ גע־וועהנליכע זאך.

די שרעקליכע צרות פון די פליכטלינגע זיינען שוין צו גוט בעקאנט, אום מען זאָל דארפען ציטירען איינצעלנע פעלע. די אידען וואָס וואוינען ארוים פון דעם מלחמה ראיאָן האָבען אויף זיך אנגענומען א סיסטעם פון זעלבסט־בעשטייערונג אלס א צוגאָב צו אלע זייערע שוין גענוג שווערע שטייערען וואָס שטעלען זיי בדלות. די קליינע אידישע געמיינדע פון מאָסקווא, צום ביישפיעל, גיעבט ארום 85 טוי־זענד רובעל א מאָנאט — דורכשניטליך א בעשטייערונג פון 200 רובעל א מאָנאט אויף די 265 פאבריקאנטען, ארונטער ביז 10 רובעל א מאָנאט אויף זייערן ארעמסטען פריקאזטשיק. אנדערע שטעדט גיעבען אויך זייער חלק, אבער מיט זייער גאנצע אויפאָפּפערונג קענען זיי דאך נישט בעהילפיג זיין אזא שרעקליכען אלגעמיינעם חורבן.

אונאדעקוואַטע פערוואלטונג פון רעליעף

און אין מיטען פון דיעזע קאטאסטראָפע איז דער אלטער קאמפף צווישען די פּאָליאקען און די אידען פאָרטגעזעצט געוואָרען מיט אונ־אויפהערליכע שרעקליכקייט. די לאָקאלע רעליעף קאָמיטעס האָבען זיך ענטזאגט אויפצונעהמען אידען אלס פערטרעטער, האָבען ענטזאגט צו געבען אידען אירגענד וועלכע הילפע און זאָגאר זיי פערטריעבען דורך דראָהונגען און גוואלד פון די רעליעף סטאציאָנען וואָס ווערען אויס־געהאלטען פון זייער אייגענעם פאָלק. פון די 71 רעליעף קאָמיטעס אין פוילען האָבען 52 נישט געהאט קיין אידישע מיטגליעדער, אָבוואָהל די אידען האָבען פאָרמירט כמעט א העלפט פון דער שטאָדטישער בעפעל־קערונג און פון 13 ביז 14 פראָצענט פון דער רוראלער. אין די אנדערע 19 קאָמיטעס איז די אידישע מיטגלידערשאפט געווען קוים 10 פראָ־צענט פון דער אלגעמיינער, אָבוואָהל די אידישע בעפעלקערונג איז דאָרט פון 35 ביז 68 פראָצענט אין די שטעדט און פון 10 ביז 15 פראָ־צענט אין די קליינע שטעדטלאך. און אין די מייסטע פון דיעזע פלעצער האָבען די אידען בייגעטראָגען דעם גרעסערען טהייל פון די רעליף פאָנדס.

אפילו אינסטיטוציאָנען וואָס זיינען אויסגעהאַלטען געוואָרען אויסשליסליך פון אידישע בייטרעגע, זיינען געגומען געוואָרען אין בעזיץ פון די פּאָליאַקען.

אזוי איז דער פּראַכטפאָלער האָספּיטאַל פיר די פערוואונדעטע אין ווארשוי געשאַפען פון דער אידישען קהלה, איז ביז יעצט אָנגע־האַלטען געוואָרען אונטער דעם אָפּיציעלען נאָמען פון דער ווארשע־ווער לאָקאַלער רעליף קאָמיטע, אַן אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציאָן אָהן איין איינציגען אידישען פערטרעטער, מיט א באָאַרד פון די ווילדעסטע יודענפרעסער, וועלכע פיהלען קיין בעדענקונג אין די מעטהאָדען און מיטלען פון זייער אנטיסעמיטישע פּאָליטיק. פּריוואַטע נדבות און פערזענליכע ארבייט פון אידען — אַלעס איז פערשוואונדען אין דעם פּוילישען אָבגרונד. אזוי ערקלערט דער „נאָווי וואָסכאָד“, סעפּ. 11 (24), 1914.

די יעצטיגע שטעלונג פון די אידען אין רוסלאַנד ווערט גוט אָפּגעשפּיגעלט אין א בריעף, וואָס איז אונלענגסט ערשיענען אין דער „יעווריעסקאיא זשיזן“ *) פון א אידען, א בעזיצער פון א זאַלץ מינע, וועלכער איז איינגעלאַדען געוואָרען, צווישען אַנדערע, בייצוטראָגען זאַלץ פאר דיא ארעמע לייט אין ווארשוי, אָהן אונטערשיעד פון ראַסע אָדער גלויבען. ער האָט געענטפערט, דאָס דער פאָרשלאַג האט ארויס־גערופען זיין טיעפסטע סימפּאַטהיע, אבער דאָך נעהמט ער דיא פרייהייט נאָכצופרעגען וועט ער עס וועט האבען דיא אויפזיכט איבער דער אויסטהיילונג פון דיא זאַלץ.

„יעדער איינער וויים — שרייבט ער — וועגען דער אונטאָלעראַנ־טער שטעלונג פון דעם פּוילישען הילפס קאָמיטעט צו די אידען. דיזעס מאכט אונז צו צווייפלען אויב אייער הויכער פּרינציפּ וועט געוויסענ־האַפט אויסגעפיהרט ווערען, ווען דיא אויסטהיילונג וועט אדמיניסט־רירט ווערען פון פּוילישע הענד. דער ווארשעווער קאָמיטעט ווערט בעזאָנדערעס נישט געטרויט, און עס וואָלט זיין זעהר אונאַנגענהעם פאר מיר צו פיהלען, דאָס דיא לעבענס־נויטהווענדיגקייטען וואָס מיר האבען בייגעשטייערט, זאָלען צוריק געהאַלטען ווערען פון אונזערע אידישע ברידער. דאגעגען וואָלטען מיר בעגריסען יעדע בעמיהונג פון דיא

*) יולי 5 (18), 1915. זייטען 31-30.

רוסישע אָרגאַניזאַציאָנען צו אונטערנעהמען מיטצואַרבייטען מיט דיא פּאָליאַקען און אידען אין דיעזע זאַך, אום צו פערזיכערען אָרענטליכע אויסטהיילונג".

ווען די צענטראַלע־בירגערליכע־קאָמיטעט פון וואַרשוי איז אופ־געלייזט געוואָרען דורך דעם דייטשען גאָוורנאָר פון פּוילען, אין סעפּטעמבער 1915, האָבען זיינע רעכנונגען געוויזען דאָס איבער 11 מיליאָן רובעל איז אויסגעטהיילט געוואָרען זייט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, און אידען האָבען דערפון געקראָגען קוים 100 טויזענד רובעל, אַבוואָהל זיי האָבען פאָרמירט איין זעקסטעל־חלק פון דער בעפעלקערונג און די געלדער זענען געזאַמעלט געוואָרען מיט דער אויס־דריקליכער פערשטענדניס, דאָס זיי וועלען פערטהיילט ווערען אָהן אונטערשיעד פון ראַסע און גלויבען. די ליקווידאַציאָנס קאָמיסיאָן וואָס האָט בעדאַרפט בעשטימען וועגען דעם באַלאַנס וואָס איז געבליבען ביי דער אויפלייזונג פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט, א סומע פון 1,290,000 רובעל, האָט דאָס גאַנצע געלד אָפּגעגעבען צו פּוילישע אינסטיטוציאָנען. אַבוואָהל אין וואַרשוי זיינען דאָ 300 טויזענד אידען, די מייסטע פון זיי אין דער גרעסטער נויטה, האָט מען קיין איינציגען רובעל געגעבען פיר זייער רעטונג.

און צולעצט דאַרף מען אויך בעמערקען, דאָס דערמיט וואָס דיא דייטשען האָבען פערנומען פּוילען איז דיא לאַגע פון דיא אידען ווייניג וואָס פערבעסערט געוואָרען, ווייל דער מאַנגעל אין שפּייז אין דייטש־לאַנד גופא פערוועהרט דיא דייטשען צו שיקען בעדייטענדע קוואַנטי־טעטען שפּייז, אום בעהילפיג צו זיין דיא נויטה פון דיא הונגערליידענ־דע אידען אין פּוילען.

פּראָטעסטען פון ליבעראַלען רוסלאַנד

דיא גרויזאַמקייט פון דער רעגירונגס פּאָליטיק געגען דיא אידען האָט נישט געקראָגען דיא אונטערשטיצונג פון דעם רוסישען פאָלק, ווי דיא פיעלע פּראָטעסטען אין דער דומא, אויף עפענטליכע פערזאַמ־לונגען און אין דער פּרעסע ווייזען גאַנץ קלאָהר. ווען מיר זאָלען נאָך געדענקען דאָס דיא יעניגע ניט־אידען אין רוסלאַנד, וואָס וואַגען צו זאָגען א גוט וואָרט אויף אידען, ריזיקירען מיט זייער שטאַנד און

פּרעסטיזש, זועט דער פאָלגענדער צעטעל פון פּראָטעסטען און מאַני-פעסטען געבען אַ גאַנץ פיינעם פּעקעל פון בעווייזע געגען דער רוסי-שער רעגירונג, וואָס מוזען איהר פּעראורטיילען.

דיזע פּראָטעסטען זיינען גרופּירט געוואָרען פיר בעקוועמליכקייט אין פיער קלאַסען:

די שטימע פון דער דומאַ.

באַלד ביים אָנפאַנג פון דער זיצונג פון דער דומאַ האָבען די לינקע גרופּען פאָרגעשלאָגען אַן אינטערפּעלאַציאָן צו דער רעגירונג בנוגע איהרע אונגעזעצליכע האַנדלונגען געגען די אידען. נאָך אייניגע דעבאַטען זיינען די פאָרגעשלאָגענע פראַגען איבערגעגעבען געוואָרען צום קאָמיטעט אַן אינטערפּעלאַציאָנען, וועלכער האָט זיי רעפּאָרטירט דעם 30טען אוגוסט 1915, אין דיזען פאָרמאַט:

ווייסען דער פּרעזיצענדער פון דעם מיניסטאָרען-ראַט און די מי-ניסטאָרען פון אינערן און יוסטיץ פון דער אונגעזעצליכער בענעהמונג פון זייערע אַדמיניסטראַטיווע בעאַמטע אין בעצוג צו די פאָלגענדע פונקטען:

1. — דאָס בעאַמטע פון דער טיורמע-פּערוואַלטונג האָבען אריינ-גענומען מענשען, וואָס זיינען גענומען געוואָרען פון די מיליטערישע בעאַמטע אַלס ערבים פון דער לאָקאַלער אידישער בעפעלקערונג פון ריגאַ, פּרושאַק און אַנדערע פּלעצער?

2. — דאָס די פּראָקוראָרען האָבען ניט גענומען קיין שריט צו בע-פרייען גלייך די יעניגע, וואָס זיינען ניט געווען בעשולדיגט אין קיין פערברעכען און זיינען אונגעזעצליך געהאַלטען געוואָרען געפאַנגען?

3. — דאָס די אַרויסגעטריבענע אידען זיינען פון די פּאָליציי-אַגענטען אין ווילקאָמיר, זשאַגאָרי און שאַדאָוו אריינגעטריבען גע-וואָרען אין פּראַכט-וואַגאָנען, וואָס זיינען ניט געווען גענוג אַפילו פיר אַ צהנט-חלק פון זיי, און די איבריגע, צווישען זיי אויך קינדער, אַלטע מענער און פרויען, און קראַנקע, האָט מען געצוואונגען צו שלעפּען זיך צו-פוס?

4. — דאָס די בעאַמטע פון די לאָקאַלע רעגירונגען האָבען ניט גענומען קיין שריטע אָפּצוהאַלטען די שטענדיגע רויבערייען, וואָס

די לאָקאַלע בעפעלקערונגען זיינען בעגאַנגען אויף דעם אייגענטום פון די פערטריבענע?

5. — דאס דיא בעאמטע פון דער זשאַנדאַרמיע אין האָמעל האט פערוועהרט צו געבען שפייז צו די ארויסגעטריבענע אידען, אבוואהל זיי זיינען געוועזן אויסגעמאַטערט פון הונגער און דורשט?

6. — דאָס אין נאָוואָזיבקאָוו זיינען מענשען ארעטירט געוואָרען דערפאַר ווייל זיי האבען געשיקט טעלעגראַמען, אַפּעלירענדיג פיר הילפע?

7. — דאס דיא בעאמטע פון דער זשאַנדאַרמעריע האבען, מיט בעוואפענטע דראָהונגען, נישט געוואָלט אריינלאזען אין דיא פערזיגעלטע וואַגאָנען דיא פערזאָנען וואָס האָבען געבראַכט שפייז פאר דיא ארויסגעטריבענע אידען אויף דער סטאַנציע ביעליצאַ, אויף דער פּאָליעסער אייזענבאהן?

8. — דאס דיא פּאָליציי בעאמטע האָבען פערשלאָסען דיא ארויס־געטריבענע אידן אין פערזיגעלטע וואַגאָנען אויף עטליכע טעג נאָכאַנאַנד?

9. — דאס אריבערשיקען דיעזע ארויסגעטריבענע פון זאָלאָטאָ־נאָש נאָך קאוונא און צוריק, זיינען מאנכע פון זיי געהאלטען געווארען אין דיא וואַגאָנעם צעהן טעג?

10. — דאס דיא לאָקאַלע אדמיניסטראַציאָן אין דיא שטעדט מינסק, סאַמאַראַ און ראָסטאָוו האט געפאָרדערט פון אלע לאקאלע צייטונגען זיי זאלען איבערדרוקען דיא געשיכטע פון דעם אידישען פערראַטה אין דעם דאָרף קוזשי, וואָס איז צוערשט ערשיענען אין „נאָש וויעסטניק“?

11. — דאָס דיא לאָקאלע אדמיניסטראציאָן פון טאַשקענט האט פעראָרדענט מתפלל צו זיין, אז גאָט זאָל ראטעווען דער אַרמעע פון דעם פערראַטה פון דיא אידען?

12. — אויב דיא אונגעזעצליכע טהאטען פון די בעאמטע זיינען בעוואוסט צו דיא דערמאָהנטע פערזאָנען, וועלכע שריטע זיינען פון זיי גענומען געווארען צו בעשטראָפען דיא שולדיגע און צו בעווארענען

אז עס זאלען נישט פאָרקומען אזעלכע געזעץ־ברעכערייען אין דער צוקונפט ?

דיא בעדייטונג פון דיעזע אינטערפּעלאציאָן איז גאר אונשעצבאר, דען דיא פאַקטען וואס זיינען ארומגענומען אין דיעזע פראגען, זיינען אָפיציעל אנגענומען געווארען פון א גרויסען בעשטענדיגען קאָמיטעט פון דער דומא, וואָס איז ווירדיג אנערקענט צו ווערען. וואלטען דיא פראגען, וואָס זיינען אריגינעל פארגעשלאָגען געווארען פון דיא לינקע גרופּען, געווען אָהן א גרונד, וואלטען זיי דאָך געווים צוריקגעוויעזען געוואָרען אָהנע זיי איבערצוגעבען צום קאָמיטעט אָן אינטערפּעלאצ־יאָנען ; און וואָלט דער קאָמיטעט אָן אינטערפּעלאַציאָנען, ביים עקזאמינירען דיא בעווייזע וועגען יעדע פראַגע אי דורך דיא רעכטע, אי דורך דיא לינקע דעפּוטאטען פון דעם קאָמיטעט, אויסגעפונען דאָס די בעווייזע זיינען פעהלערהאַפט אדער נישט גענינעגענד, וואלט דאָך דיא אינטערפּעלאַציאָן קיינמאָל נישט רעפּאָרטירט ווערען אין דיעזע פאָרמאט. דער פאקט, דאָס זי איז רעפּאָרטירט געווארען אין אזא פאָרמאַט, איבערצייגט, דאָס דיא בעווייזע זיינען געווען אונשטרייט־בארע, און זיינען אנגענומען געווארען אלס אזעלכע אי פון דיא ליבער־אלען, אי פון דיא רעאקציאָנערען. דער רעפּאָרט פון דעם קאמיטעט איז דאטירט אויגוסט 30. 1915. דיא דומא איז באלד נאָכדעם געשלאָסען געווארען, און דער רעגירונג׳ס ענטפער אויף דיעזע אינטערפּעלאַציאָן איז נישט בעוואוסט.

ביי דיא דעבאטען וועגען דיעזע און אנדערע פראגען בנוגע דיא אידען איז דיא אויסדריקליכע שטעלונג פון דער גרויסער מאסע פער־טרעטער פון דעם רוסישען פאָלק, בעוויעזען געווארען צו זיין אונצוויי־פעלהאַפט דורכאוים געגען דער רעגירונג אין בעצוג צו דער יודענ־פראגע. *)

---

*) סטענאָגראפישער בעריכט פון דיא פערהאנדלונגען אין דער דומא.

פראָטעסטען פון ליבעראַלען

פּראָפעסאָר מיליוקאָוו, דער פיהרער פון די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען, האָט דעם 19טען יולי 1915 ערקלעהרט:

„דער שטאַרקסטער פאַקטאָר אין ברעכען אונזער נאַציאָנאַלע איינינקייט איז די רעגירונגס פּאָליטיק געגען אונזערע פרעמדע נאַציאָנאַליטעטען. דאָס מיאוסע שפּיעל פון די דונקעלע ראָסען־פאַר־אורטהיילע פון די מאַסען, מיט דער געוויעהנליכער וואַפע פון דיעזען מין שריט — אַנטיסעמיטיזמוס און די פערפאָלגונג פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען און רעליגיאָנען — ווערט בענוצט מיט אונפער־גלייכבאַרע געמיינהייט... אונטער דער מאַסקע פון מיליטערישע פּאָרזיכטיגקייט ווערען גענומען אונגלויבליגע מאַסרעגעלען געגען פאַנטאַסטישע פערברעכענס... אין צייט ווען נאַציאָנען קעמפּפען פיר די פרייהייטען און רעכטע פון די קליינע פעלקער, קענען אַזעלכע טהאַטען נאָר פערביטערען אונזערע פריינד און ערפרעהען אונזערע שונאים". (הויכער אַפּלויז פון לינקס.)

דער דעפּוטאַט קערענסקי האָט ביי דער זעלבער זיצונג געפרעגט:

„מיר קעמפּפען דיעזע מלחמה אויף אַ טעריטאָריום וואָס איז בעוואוינט פון ניט־רוסישע נאַציאָנאַליטעטען. האָט אָבער אונזער רעגירונג דיעזען יאָהר נישט געגעבען אורזאַכע אַז דיעזע פעלקער זאָלען צווייפלען אין דער קלוגהייט פון דעם וועג וואָס זיי האָבען אַנגענומען מיט אַ יאָהר צוריק, ווען זיי האָבען צוזאַמענגעשלאָסען זייער שיקזאַל מיט אונזערען?"

דער דעפּוטאַט טשכיידזע האָט דעם 3טען אויגוסט 1915 אין אַ רעדע אין דער דומאַ זיך אויסגעדריקט ווי פאָלגט:

„עס איז אייך גוט בעקאַנט דאָס דער רעגירונגס רעזשים איז בעגרינדעט אויף אידישע אונטערדריקונג און דאָס אין אַלע קריטישע מאָמענטען ציעלט זי קודם כל איהרע קלעפּ אויף די אידען, דערפאַר ווייל זיי זיינען די לעצטע צו דערלאַנגען צוריק...

„מיט אַ יאָהר צוריק האָט זיך אָנגעפאַנגען די מלחמה און באַלד האָט די רעגירונג אַנגעפאַנגען צו וואַרפען איהרע בלבולים פון פערראַטה אויף די אידען. היינט וויים רוסלאַנד און די גאַנצע וועלט ווער עס דאַרף בעשולדיגט ווערען אין דער לאַגע אין וועלכע רוסלאַנד

געפינט זיך. די שולדיגע זיינען גאַר ניט די אידען, ווי דאָס גאַנצע לאַנד וועט בעשטעטיגען, זאָנדערן די יעניגע וואָס האָבען אָנגע־שטאָפּט זייערע קעשענעס מיט דעם געלד וואָס זיי האָבען געמאכט פון די רעגירונגס בעשטעלונגען און ארמעע סופּלייעס (געשרייען פון לינקס: דאָס איז אמת!) די שולדיגע זיינען די יעניגע וואָס האבען מיט דער הילפע פון אזעלכע וויא מיאסאָדיעוו, גראַטגוס און אנדערע פעררעטהער, בעטראָגען רוסלאַנד...

„די מלחמה זאָגט מען איז א קאַמפּף פאר פרייהייט,ברידער־ליכקייט און גלייכהייט, אָבער מיט וואָס פאר א רעכט מאכט מען א גאַנץ פאָלק ליידען פאר די פערברעכענס פון איינצעלנע פער־זאָנען, שוין נאָכגעבענדיג אז דיא איינצעלנע זיינען שולדיג?

„אין דעם נאָמען פון וועלכען אמת איז די קוזשי פערליימדונג פערעפענטליכט געוואָרען אין דעם פּראוויטעלסטוועני וויעסטניק" (רוסלאַנד'ס הויפּט רעגירונגס אָרגאַן)?

אין נאָמען פון וועלכען אמת ווערען די צייטונגען געצוואונגען איבערצודרוקען דיזע פערליימדונג?

„וואָס פאר גערעכטיגקייט פאָדערט אז א אידישער סאָלדאט וועלכער איז עטליכע מאָהל פערוואונדעט געוואָרען זאָל אין 24 שטונדען אויסגעוויזען ווערען פון שטאָדט ווען ער זוכט צו געפינען א פּלאַטץ אין רוסלאַנד זיך צו ערהאָלען פון זיינע וואונדען?

„אין נאָמען פון וועלכער מענשליכקייט איז עס פערבאָטען צו געבען שפּייז די אידישע פליכטלינגע, וועלכע זיינען איינגעשפּארט ווי ווילדע חיות אין די פראכט וואגאָנען? אין נאָמען פון וואָס פאר א ברידערליכקייט ווערט איין טהייל פון אונזער ארמעע געהעצט געגען זייערע אידישע קאמעראדען, וועלכע שטעהען זייט ביי זייט מיט זי אין די טרענטשעס?

„מיר בעשולדיגען די דייטשען אין איבערטרעטען די געזעצע פון קריעג, אין נוצען פערגיפטעטע גאזען און אין פערקריפּלען זייערע געפאנגענע. אזעלכע זאכען פערדינען אז מען זאָל געגען זיי פּראָ־טעסטירען. זאָלען אזעלכע זאכען זיין א פלעק אויף די הערשענדע קלאסען פון דייטשלאַנד. אָבער מיינע הערען, אין נאָמען פון וועלכע געזעצע גיבט מען בעפעהלע צו דער רוסישער ארמעע צו

טרייבען פריעדליכע אידען אין פראָנט פון טרופען און אויסזעצען זיי צום פייער פון שונא?

„אין נאָמען פון וועלכע געזעצע ווערען רוסיש־אידישע אונטערטהאנען גענומען אלס משכנות, ארייגעווארפען אין געפענגנים, געפייניגט און געשאָסען?

„מיר האָבען פערדאמט די דייטשען פאר פערניכטען לאווען און דעם קאטהעדראל פון רהיימס, אָבער איך פרעג אייך, אין נאָמען פון וועלכע עטהישע אָדער עסטהעטישע פרינציפען שענדעט מען פרויען וועלכע זוכען שוץ אין אידישע סינאַגאָגען.

באראָן ראָזען, דער געוועזענער רוסישער אמבאסאדאָר אין די יונייטעד סטייטס, האָט אויך אויסגעשפּראָכען א פּראָטעסט געגען דער רעגירונגס אנטיסעמיטישע פּאָליטיק, אין א רעדע פער דער גאָסודארסטוועני סאָוועט, דעם 22־טען אויגוסט, 1915.

רעזאָלוציאָנען פון די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען.

די גרעסטע פּאָליטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד, די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטישע, האָט ביי איהר נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן אין פּעטראָגראַד, פון 19טען ביז 21טען יוני 1915, אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציאָן:

„דער פּאַטריאָטיזם און די איבערגעבענהייט, וואָס די אידען האָבען ארויסגעוויזען אין דער שטונדע פון רוסלאַנד׳ס גרויסע געפאהר, האָט אויף דעם מאָמענט אויסגעוויזען צו ברעכען די טיף־איינגעוואָרצעלטע שנאה פון דער רעגירונג צו זיי, און האָט געשיינט אז דער וועג ווערט פאָרבערייטעט פאַר די זעלבע בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פאַר די אידען אין רוסלאַנד, וועלכע זיי האָבען אין אַנדערע לענדער. דאָס וואָלט אָבער געוועזען אָוועקגערויבט פון אונזער רעאַקציאָן זייער אַלטע, גוט־געפּרופטע וואָפע פון שוואַרץ־מאה׳איזם—אַנטיסעמיטיזם, און מיר זעהען, אז אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון דיזע אידען־פערפאָלגער האָט די רעגירונג פון אָנפאַנג אָנגענומען מאַסרעגלען אויפצוהעצען די אַרמעע און

דאָס פאָלק געגען די אידען. מען האָט זיך בעדיענט מיט דיעזען צוועק מיט אַלע פּרעטענציעס וואָס א מלחמה קען געבען. איינצעלנע פעלע פון שפּיאָנעריי, אַזעלכע ווי מען קען ערוואַרטען פון גרענעץ בעפעלקערונג איבעראל און ביי אַלע נאַציאָנען, האָט מען אנגעגריפען אַלס א באַזיס פאַר אַלגעמיינע בעשולדיגונגען געגען דעם אידישען פאָלק און מיט דיעזע אַלס באַזיס האָט מען אויסגעטראַכט פערשיעדענע אונגלויבליכע און אונמעגליכע געשיכטען וועלכע מען האָט צירקולירט מיט דעם איינציגען צוועק די אידען צו שאַדען. די אידען אַלס א רבים האט מען געהאַלטען פעראַנטוואָרטליך פאַר דיא מעשים פון יחידים צווישען זיי — א זאַך וואָס מוז אויפרעגען יעדען איינעם וואָס בעזיצט נאָר א פונק מענשליכקייט, א זאַך וואָס קיין ציווילירטע לאַנד ערלויבט ניט מעהר, א זאַך וואָס איז א זכר פון מיטעלאַלטער. עס פערשטעהט זיך אַז שנאה און פערפאָלגונג קען זיין דער איינציגער רעזולטאַט פון אַזעלכע טאַקטיקס אין א לאַנד וואָס איז בעוואוינט פון פערשיעדענע ראַסען.

„ניט נור אין נאָמען פון ברידערליכקייט; ניט נור אין נאָמען פון אחדות וואָס איז אַזוי נויטיג וואו פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען מוזען וואוינען אונטער איין רעגירונג; ניט נור אום צו געבען דעם שווער געפּלאָגטען אידישען פאָלק א פונק האָפנונג פאַר דער צוקונפט און צו ערוועקען אין זיי דאָס צוטרויען צו דעם פּראָגרעס פאַר וועלכען זיי קעמפּפען אַזוי געטריי, זאָנדערן פאַר דער פערווירקליכונג פון דעם רוסישען אידעאַל — די ערהעבונג פון אונזער בעליבטען פאָטערלאַנד צום שטאַנד פון אמת פאָרגעשריטענע אימפּעריע — מוזען מיר מיט פעראייניגטע קרעפטע זיך שטעלען געגען די פיהרער פון רעאַקציאָן. אונזערע געגנער האָפען צו בענוצען אפילו נאָך דער מלחמה די פערגיפטעטע וואפען פון פרימיטיווען ראַסען האַס מיט וועלכען זיי האַבען זיך ביז יעצט בענוצט. עס איז אונזער אויפגאַבע צו איבערצייגען די מאַסען פון אונזער פאָלק דאָס מען רייצט זיי אויף געגען די אידען כדי זיי זאָלען ניט זעהן זייערע אייגענע אינטערעסען. מיר מוזען ווייטער, אַזוי ווי פריהער, פאָרטוועהרענד אויפצייגען דאָס עס איז דאָ נור איין וועג צו א בעסערע און ליכטיגערע צוקונפט פאַר רוסלאַנד, און דאָס איז דער זעלבער וועג אויף וועלכען דיא גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז געגאַנגען,

און דאס אויף דיעזען וועג איז דאָ נור איין לייזונג פאר דער אידען פראגע — א לייזונג וועלכע די עלעמענטארסטע פרינציפען פון ציוויליזאציאָן פאָרדערען, און דאָס איז צו געבען יעדען אידען בעזונדערע פולע בירגערליכע רעכטע, און צו די אידען אלס א פאָלק דאָס רעכט צו פרייע ראסען און קולטורעלע ענטוויקלונג.“

א רירענדער אינצידענט איז פאָרגעקומען ביי דער דעבאטע איבער דיעזע רעזאָלוציאָן, איינער פון די פיהרער פון דער פארטיי, מאַקלאַקאָוו, א ברודער פון דעם געוועזענעם אינערן מיניסטער, האָט דערלאנגט אַן אפיעל, פערמילדערענדיג דיא זאגענאנטע אידיע פעררעטהען.

„דיא אידען האבען געליטען פון אזעלכע גרויזאמע פערפאָלגונגען אין רוסלאנד — האָט ער געזאָגט — דאָס מען קען זיי מוחל זיין, אפילו ווען דיעזע שפיאָנען געשיכטען זאלען זיין אמת“.

„מיר שטויסען צוריק דיעזע רעכט צו געמיינהייט — האט אויס־געשריען דער געוועזענער אידישער דעפוטאט ווינאווער — אונזער לאָיאַליטעט איז נישט צום פערקויף. מיר זיינען דא נישט קיין נייע־אויפגעקומענע. אונזערע עלטערען האָבען דאָ געוואוינט זייט הונדערטע יאהרען. מיר זיינען פאטריאָטען, ווייל מיר פיהלען זיך צוגעבונדען צו רוסלאנד. מיר גלויבען אין רוסלאנד זאָגאר מעהר וויא איהר גלויבט.“

פראָטעסטען פון בעאַמטע, שטעדט, א.ז.וו.

פערשיעדענע מוניציפּאַליטעטען ארוים פון דער טשערטא האָבען געבעטען דער רעגירונג צו געבען דיא אידען גלייכע רעכטע.

דער שטאָדט־ראטה פון סמאָלענסק האָט דעם 19טען דעצעמבער 1914, מיט בלויז צוויי געגען־שטימען, אנגענומען א רעזאָלוציאָן בעטענדיג דער רעגירונג אָפצושאפען אלע אויסנאהמס־געזעצע געגען די אידען, הויפּטזעכליך, אָפצושאפען די טשערטא. ביי דיעזע זיצונג האט דער טשלען פון דער שטאָדטישער דומא פּ. וו. מיכאַילאָוו געזאָגט:

„מיר רעדען דאָ ניט נאָר פון דיא דאָזיגע פאמיליען פון אידישע סאָלדאטען וואָס זיינען ביים פראָנט, פון פאמיליען וואָס אנטלויפען פון דער פערוויסטעטער פוילען, זאָנדערן אויך פון די סאָלדאטען אליין, וועלכע ווערען אונפעהיג צו וויטערע דיענסט דורך זייערע וואונדען, נאכדעם וויא זיי האבען העלדיש געדינט אין אונזערע רייהען. אזוי, צום

ביישפיעל, א אידישער סאָלדאט, וועלכער איז פערוואונדעט געוואָרען אין האנד און ברוסט, און האָט עלטערן אין דיעזע שטאָדט, האט מיט דער גרעסטער שוועריגקייט געקראָגען ערלויבניס צו פערבלייבען דריי מאָנאט. צו ענדע פון דיעזען טערמין מוז ער זיך אומקעהרען צוריק אין דער טשערטא און דארט לעבען אָהן מיטלען און אָהן מעדיצינישע הילפע, אבוואָהל ער ווערט יעצט בעדראָהעט פון שווינדזוכט... דאָס איז בלויז איין פאַל אין טויזענדע, וואָס בעווייזען אונז דיא שרעקליכקייטען פון דעם צושטאנד", אין וועלכען אידישע סאָלדאטען און זייערע פאמיליען געפינען זיך דורך דעם וואס מען בערויבט זיי אין בירגער רעכט. די דאָזיגע פאמיליען, וואס זייערע מיטגליעדער פערגיעסען זייער בלוט פיר רוסלאנד, זיינען רואינירט דורך דער אריינדרינגונג פון דעם שונא. זיי קומען אהער זוכען שוץ פון הונגער און טויט, פון חורבן און פערגוואלדיגונג. מיר מוזען גערענקען, דאס כמעט א האלבער מיליאָן אידען קעמפפען זייט ביי זייט מיט אונזערע בראווע קריעגער געגען דעם אלגעמיינעם שונא. און וואס אנבעלאנגט דיא ציווילע אידען, האָבען זיי נישט וועניגער פאטריאָטיזם און בעגייסטערונג וויא דיא אנדערע איינוואוינער... זיין מאיעסטעט דער צאַר, דורכפאָרענדיג דורך לובלין, גראָדנאָ און טיפליס, האט בעריכטעט פאר ווירדיג אויסצודריקען זיין דאנק צו דיא אידען פאר זייער טרייהייט צו אונזער אלגעמיינע פאטערלאנד. דער שלום דערפון איז קלאהר: עס איז נישטאָ קיין שום ערענסטע אורזאכע אנצוהאלטען לענגער דיא דאזיגע אויסנאהמס געזעצע, וואס זיינען אזוי נוצלאָז, אזוי שעדליך און אזוי גרויזאם... אבער דיא יודענפראגע איז נים בלויז א פראגע פון אבסטראקטע גערעכטיגקייט. דיא עקאָנאָמישע און מאראלישע ענטוויקלונג פון אונזער שטאָדטישען לעבען ווערט געפעהרליך געשטערט דורך דיא בעשרענקונגען וואָס ווערען ארויפגעלעגט אויף איין טהייל פון דער בעפעלקערונג..." *)

אין אויגוסט 1914, האט א פערזאמלונג פון דער מוניציפאָליטעט זעמסטוואָ, בירזע און אוניווערזיטעט בעאמטע און קויפלייטע אין אדעס, בעשלאָסען, אז דאס לאנד וואלט פראָפיטירען דורך אבשאפען אלע אונטערדריקונגס געזעצע און עפענען אלע בילדונגס אנשטאלטען

*) „נאָווי וואָסכאָד", דעצ. 30, 1914 (יאנ. 12, 1915), זייטען 24-22.

פאר אלע בירגער. **)

אין אויגוסט 1914, האט די מאָסקווער קאנפערענץ פון גאָלאָוואס (סיטי מעיאָרס) אויך שטארק פערדאַמט דיא גירושים־פּאָליטיק פון מאנכע גובערנאטאָרען און האט בעשלאָסען צו בענוצען איהר איינפלוס צו פערלייכטערען דיא לאגע פון דיא אידען. ***)

אזוי האָט אויך דער קאָנגרעס פון דעלעגאטען פון שטעדט אין מעריב סיביר אפּעלירט פיר דער אָבשאפונג פון אלע אויסנאהמס־געזעצע געגען אידען. ****)

אין פערלויף פון דיא לעצטע עטליכע מאנאט האָבען דיא שטאָדט־רעגירונגען פון סאמארא, סאראטאוו, יעקאטערינאסלאוו און אנדערע וויכטיגע צענטערס; די סיבירישע מוניציפּאלע קאָנפערענץ, און דיא קאָנפערענץ פון צוואנציג זעמסטוואָס אין יאראָסלאוו — אלע האבען אפּעלירט צו דער רעגירונג און צו דער דומאַ אָבצושאפען דיא אויס־נאהמס־געזעצע, וואָס בעריהרען דיא אידען אין רוסלאנד.

פּראָטעסטען פון האַנדעלס און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציאָנען.

דער מיליטעריש־אינדוסטריעלער קאָמיטעט, ארגאניזירט אין מאנאט מאי 1915, מיט דעם צוועק צו שטעלען דיא עקאָנאָמישע כחות פון דעם לאנד אויף א מלחמה באזיס, האט זיך פערזאמעלט דעם 25 טען אויגוסט 1915, און האט עפענטליך פערדאמט דיא אונפעהיגקייט פון דער רעגירונג. אין זיין עפענונגס־רעדע האט דער פּאָרזיצענדער, פּ. פּ. ריאָבושינסקי, בעדויערט דיא פערשפּעטיגונג פון דער רעגירונג אין ווענדען זיך צו די סאָציאלע כחות פון דעם לאנד.

דיעזע פיהרערשאפט פון דעם לאנד איז אונטערנומען געווארען דורך פּערזאָנען וואס זיינען אונפעהיג צו זיין פיהרער — האט ריאָ־בושינסקי געזאָגט — און עס איז יעצט קלאָהר פאר יעדען, אז א נייע פּערזאָנאל איז נויטהיג אין דער רעגירונג גופא... מיר האבען בעאָבאכ־טעט דעם אָנגאנג פון דער רעגירונגס אבטהיילונגען פון סאמע אָנפאנג

**) „נאָווי וואָסכאָד", סעפּ. 4, (17), 1914, זייטע 15.

***) „נאָווי וואָסכאָד", אויג. 14 (27), 1914, זייטען 25-24.

****) „נאָווי וואסכאָד", אפּריל 24, (מאי 7), 1915, זייטע 30.

פון דער מלחמה, און מיר זיינען געקומען צום שלום, דאס דיעזע אבטהיילונגען זיינען ניט אימשטאנד זיך צו רעבענען מיט דעם צושטאנד. דער סופלאי פון קריעגס מאטעריאל איז איגנאנצען אונ־ארגאניזירט, וויא דיא ארמעע וויים גאנץ גוט... דיא רעגירונג וועט פון יעצט אן אונז איבערגעבען מעהר און מעהר פון איהרע פונקציאנען. אבער וואס לענגער דאס ווערט אפגעהאלטען. אלץ וועניגער נוצען וועלען ארויסקומען... דיעזע ארבייט קען נישט געטהאן ווערען דורך א שלעכט ארגאניזירטער רעגירונג.

...דער שטאאט איז א ריזיגע געשעפטס־אונטערנעמונג, וואס אלע זיינע טהיילען מוזען ארבייטען הארמאניש. דיא מלחמה האט זיך יעצט געענדערט פון א קאמפף פון ווילען און גייסט צו א קאמפף פון מאשינ־ערי. דערפאר מוזען דיא פערזאנען וואס ווערען אנפערטרויט, זיין בעקאנט מיט דעם לאנד... עס קען נישט געלייקענט ווערען, דאס רוס־לאנד שטעהט ביים יעצטיגען מאמענט פאר א גרויסע געפאהר, און מיר האבען מורא, דאס דיא צייט וועט קומען, ווען אונזער מוטה וועט זינקען ... (צענזורירט). אונזער ארמעע ליידעט העלדיש... (צענזורירט). מיר ווייסען, דאס נאך א קורצע צייט, ווען די מלחמה געהט אן אין דעמזעלבען שלעכטען פאסאן וויא יעצט, וועט די רעגירונג זיין בערייט אונז נאכצוקומען האלב־וועג, אבער מיר ווייסען אויך פון ערפאהרונג, דאס דאמאלס וועט שוין זיין צו שפעט, און אפילו דער בעסטער מאן וואס וועט גערופען ווערען פון דער רעגירונג, וועט שוין נישט קענען עפעס אויפטהאן."

דיעזע רעדע איז אויפגענומען געווארען מיט א דונערענדען אפלויז. נאך א רעדנער, פראפעסאר ע. ל. זובאשאוו, רעדענדיג וועגען די אידען, האט ערקלעהרט דאס:

„די קינדער פון אידישען פאלק קעמפפען זייט ביי זייט מיט די רוסען פאר זייער לאנד. ליידער איז אונזער לאנד ביז יעצט געווען צו די אידען ניט מעהר ווי א שטיעף־מוטער. לאמיר האפען אז פון יעצט אן וועט זי זיין אן אמת'ע מאמע צו זיי." ער האט דאן פאר־געשלאגען א רעזאלוציאן אז אידען זאלען בעפרייט ווערען פון אלע בעשרענקונגס געזעצע און זאלען קריגען גלייכע רעכטע מיט די איבריגע אונטערטהאנען פון רוסלאנד.

דיעזער פארשלאג איז אויפגענומען געווארען מיט א דונערענדען

אפלויז און די רעזאָלוציאָן איז איינשטימיג אנגענומען געוואָרען.*)

אויף א פערזאמלונג פון דעם פרייען עקאָנאָמישען פעראיין — דיא פאָרנעהמסטע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן אין רוסלאנד — דעם 16טען יאנואר 1915, איז דיא פאָלגענדע רעזאָלוציאָן אנגענומען געווארען איינשטימיג:

די קאָמיסיאָן... האָט גענומען אין אנבעטראכט דיא אויסער־געוועהנליך שווערע לאַגע, אין וועלכע דיא אידישע בעפעלקערונג געפינט זיך, צוליעב דיא וואוינונגס־בעשרענקונגען צו וועלכע זיי זיינען אונטערוואָרפען.

„וועהרענד זיי ליידען דיא אלע מלחמה טעראָרען צוזאמען מיט דער איבריגער בעפעלקערונג, ליידעט נאָך די אידישע בעפעלקערונג וועלכע אז הויפטזעכליך א שטאָדטישע, פון דער אלגעמיינע דיס־אָרגאניזאציאָן פון דיא עקאָנאָמישע פערבינדונגען ניט נאָר אין דעם ראיאָן פון דיא מיליטערישע טהעטיגקייטען, זאנדערן א סך ווייטער.

„אונטער דיעזע אומשטענדען וואלט עס געווען א גרויסע הילפע פיר דער ליידענדער בעפעלקערונג. ווען עס זאָלען אנגענומען ווערען מיטלען וואס זאלען פאר זיי מאכען לייכטער זיך צו בעוועגען און זוכען ארבייט. אין אנבעטראכט נעהמענדיג דיא גרויס פון אונזער לאנד און דיא אונבעשרענקטע עקאָנאָמישע קרעפטע פון איהרע געגענדען, בעזאָנדערס דיא געגענדען אין טיעף רוסלאנד, וואָס זיינען כמעט נישט בעריהרט געווארען פון דיא צרות פון דער מלחמה. עס זיינען דאָ געגענדען אין טיעף רוסלאנד, וואו דיא עקאָנאָמישע צושטענדע האבען זיך עטוואס פערבעסערט, ווייל זיי האָבען אויפגענומען פיעלע פון דיאינדוסטריען וואָס זיינען אויפ־געגעבען געוואָרען אין פוילען, און ווייל דער קאמיסאר דעפּאַרטמענט האט דארט געמאכט גרוסע בעשטעלונגען.

„צו דער זעלבער צייט ווערט דיא אידישע בעפעלקערונג אפילו ביי דיעזער אויסערגעוועהנליכער צייט פערשפּאַרט אין די שטעדט פון פוילען און די מערב פראָווינצען, דורך דער קראפט פון דיא עקזיסטירענדע געזעצליכע בעשרענקונגען, וואס פערמעהרט נאָך

*) „רעשט", יולי 28 (אויג. 10), 1915; „בירזיעוויא וויעדאָמאָסטי" אויג. 26 (סעפּ. 8), 1915.

פאַר זיי דיא צרות פון דער מלחמה. אין פריעדענס צייט זיינען דיעזע בעשרענקונגען, וועלכע זיינען עקאָנאָמיש שעדליך און מאראליש פערדערבליך, אנערקענט אלס אן איבערבלייבונג פון בארבאַריזם, וואָס מוז אָפגעשאַפט ווערען; עס איז אבער נאָך שווערער זיי צו דולדען ביי דער יעצטיגער צייט, ווען הונדערטע און טויזענטע אידען דיענען אונטער די רוסישע פאָהנען אויפ'ן שלאַכט־פעלד.

„אין אנבעטראַכט נעהמענדיג דיעזע פאַקטען, האט דיא קאָמיסיאָן בעשלאָסען צו בעטען דעם ראַטה פון דעם פרייען עקאָנאָמישען פעראיין זיך צו שטעלען אין פערבינדונג מיט דער רעגירונג און מיט דיא מיטגליעדער פון דיעזען פעראיין וואס זיינען מיטגליעדער פון די געזעצגעבונגס קערפערשאפטען: —

„גלייך אפצוהאלטען די פונקציאָנען פון אלע בעשרענקונגס געזעצע בנוגע צו די וואוינרעכט פון אידען און

„זיי אָבצושאפען, באלד און אויף אימער, דורך געזעצמאכענדע האנדלונג.„ *)

פיעל אנדערע קאָמערציעלע און טעכנישע געזעלשאפטען האבען אנגענומען רעזאָלוציאָנען, ערקלעהרענדיג דאָס דיא הויפט אורזאכע פון רוסלאנד'ס עקאָנאָמישע הינטערשטעלונג ליעגט אין די אויס־נאהם געזעצע געגען אידען, און דאס דער איינציגער מיטעל צו בעקעמפפען דיא דייטשע אויבערהערשאפט איבער דער רוסישער אינדוסטריע און האנדעל איז דורך אָבשאפען דיעזע בעשריינקונגען.

צווישען דיעזע ארגאניזאציאָנען זיינען דיא נאציאָנאלע תבואה, געהילץ, פוטער און גאָלד האנדלען; די האנדעלס קאמערען פון פעטראָגראד, מאסקווא און די גרעסטע שטעדט אין רוסלאנד און אין סיביר, דער נאציאָנאלער קאָנגרעס פון בערזען, דיא רוסיש־אמעריקאנישע האנדעלס קאָמער, און נאָך. כמעט יעדער נאציאָנאלער צוזאמענפאָהר פון יעדע אינדוסטריע האט אפעלירט צו דער רעגירונג צו בעפרייען דיא עקאָנאָמישע טאלאנטען פון דיא אידען דורך אראָפנעהמען פון זיי אלע געזעצליכע בעשרענקונגען.

---

*) „ראזסוויעט", יאנ. 25 (פעב. 7), 1915.

פּראָטעסטען פון רוסישע שרייבער און פּובליציסטען

פּונקט ווי די קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע עלעמענטען פון רוסלאַנד האָבען געפאָדערט גלייכבערעכטיגונג פאַר אידען אויף עקאָנאָמישע גרינדע, אזוי האָבען די אינטעלעקטועלע עלעמענטען דאָס זעלבע געפאָדערט אויף הומאַניטאַרישע גרינדע.

דער גרויסער מאַניפעסט וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען ביים אָנפאַנג פון דער מלחמה, אונטערצייכענט פון 225 פון די גרעסטע פּובליציסטען און שריפטשטעלער אין רוסלאַנד, ערקלערט:

„רוסלאַנד, אין איהר יעצטיגע גרויסע מלחמה, ציהט אָפּ אַלע אַלע איהרע פיזישע און אינטעלעקטועלע קרעפטע אויף אַן אויסער־געוועהנליכען גראַד. אַלע פעלקער פון רוסלאַנד נעהמען אנטהייל אין דעם קאַמפּף און טהיילען זיך גלייך מיט אַלע אַרבייט. מיר גלויבען, אַז דאָס בלוט וואָס די קעמפּפער וועלען האָבען פערגאָסען, וועט נישט זיין אומזיסט. מיר גלויבען, דאָס נאָכ׳ן אריבערטראָגען אַלע שרעקען פון מלחמה, וועט די בעפעלקערונג זיך אומקעהרען מיט מעהר ענערגיע צו דער אַרבייט פון בויען אַ בעסערע און ליכטיגערע צוקונפט. מיר גלויבען און מיר האָפען, דאָס די פערבינדונגען צווישען די פערשיעדענע פעלקער וואָס בעוואוינען רוסלאַנד, וועלען אין דער צוקונפט געבויט ווערען אויף דעם אייביגען פונדאַמענט פון חכמה און יושר.

„אָבער ביי דיזען מאָמענט, וואָס איז אזוי וויכטיג אין היסטאָריע, זעהען מיר מיט שמערץ און טרויער, דאָס צו די ליידען פון איינע פון די נאַציאָנאַליטעטען וואָס בעוואוינען רוסלאַנד, ווערען צוגעגעבען נייע צרות און נייע קוועלונגען. די בעשריינקונג פון דעם רעכט צו בילדונג ווערט יעצט געפיהלט מיט בעזאָנדערען שמערץ פון דער אידישער יוגענד. אזוי ווי די מערב גרענעצען זיינען געשלאָ־סען, איז די געוועהנליכע אויסוואנדערונג צו די אויסלענדישע שולען אָפּגעהאַלטען, וועהרענד אין רוסלאַנד גופא ווערען געהאַלטען אין קראַפט די פּראָצענטען־בעשרענקונגען געגען אידען אין די שולען. די אידען פון די צערשטערטע שטעדט האָבען קיין רעכט צו פערלאָ־

זען די טשערטאַ. די פערוועהטאַגטע אידישע נאַציאָן וואָס האָט געגעבען דער וועלט אַזעלכע אונשעצבאַרע בייטרעגע אין רעליגיאָן, פילאָזאָפיע און פּאָעזיע; וואָס האָט זיך אימער געטהיילט מיט די יסורים און נסיונות פון דעם רוסישען לעבען; וואָס האָט אַזוי אָפט געליטען דורך פּאַראורטהייל און בעליידיגונג; וואָס האָט מעהר ווי איינמאָל איבערצייגט וועגען איהר ליעבע צו רוסלאַנד און איהר איבערגעבענהייט צו דער רוסישער זאַך, שטעהט יעצט ווידער אַרויס־געשטעלט פאַר בלבולים און רדיפות.

„די רוסישע אידען, וועלכע אַרבייטען מיט אונז אין אַלע ספערען פון אַרבייט און טהעטיגקייט, וואָס זיינען נאָר פאַר זיי אָפען, האָבען אונז געגעבען אַזוי פיעל איבערצייגענדע בעווייזע וועגען זייער ערענסטען וואונש צו זיין מיט אונז, צו דיענען אונזער זאַך.. דאס די בעשרענקונג פון זייערע בירגער רעכט איז ניט נאָר אַ הימעלשרייענדע אונרעכט, זאָנדערן זי ווירקט אויך שעדליך אויף די סאַמע אינטערעסען פון דעם שטאַאַט. די רוסישע אימ. קען און מוז ציהען איהר קראַפט פון דער פאָלקאָמענער פעראייניגונג פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען וואָס בעוואוינען רוסלאַנד, און נאָר דורך אַוועק־שטעלען אַלע בירגער אויף אַ גלייכען באָדען וועט רוסלאַנד'ס מאַכט ווערען אונצערשטערבאַר.

„רוסען, לאָמיר געדענקען דאָס דער רוסישער איד האָט קיין אַנדער לאַנד ווי רוסלאַנד; דאָס קיין זאַך איז טהייערער ביי אַ מענשען, ווי דער באָדען אויף וועלכען ער איז געבאָרען. לאָמיר פערשטעהן, אַז דאָס גליק און די מאַכט פון רוסלאַנד זיינען אונשייד־באַר פון דעם וואָהלזיין און פרייהייט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען וואָס שטעלען צוזאַמען איהר גרויסע אימפעריע. לאָמיר פערשטעהן דיעזע וואַרהייט, האַנדלען נאָך אונזער אינטעליגענץ און אונזער געוויסען, און מיר וועלען קענען זיין זיכער וועגען דעם ענדליכען פערשווינדען פון פערפאָלגונגען געגען די אידען, און זייער פאָלקאָמ־ענע בעפרייאונג וועט פאָרמירען איינע פון די קאָנדיציאָנען פון אַן אמת קאָנסטרוקטיווען רעזשים."

עסטרייך אונגארען

דער סך־הכל פון דער אידישער בעפעלקערונג פון עסטרייך־אונ־גארען איז ארום 2,250,00 פון וועלכע ביינאהע א מיליאָן זיינען ביים אנפאנג פון דער מלחמה געווען אין דער גרענעץ־פראָווינץ גאליציען, אין דעם באלדיגען שטח פון דעם שלאכט־ראַיאָן.

דאָ, פונקט וויא איבעראל, האבען דיא אידען ארויסגעוויזען זייער גרויסע איבערגעבענהייט דורך אנשליסען זיך אָן דער ארמעע אפילו ווען נאָרמאַל זיינען זיי געווען פריי פון דיענסט, ווי אין דעם פאל פון דיא שילער פון דעם בודאפעסטער ראבינער סעמינאַריום, פיעלע פון וועלכע האבען פרייוויליג זיך אנגעגעבען פאר סאָלדאטען, אָבוואָהל זיי זיינען געזעצליך פריי פון מיליטער דיענסט. דיא רעגירונג האט אָנערקענט דיעזע טרייהייט אויף פיעלע אופנים, הויפטזעכליך, אין געבען ספּעציעלע פּריווילעגיען אין בעצוג אָפּצוהיטען דיא אידישע רעליגיאָן. אזוי האָט דער קאַיזער, אין זיין אייגענעם נאָמען, געשיקט 20,000 טליתים פאר דיא סאָלדאטען אין פעלד אין צייט פון דיא ימים טובים. ווען מען האט ענטדעקט אום פסח, דאָס דיא מצות פיר דיא אידישע סאָלדאטען זיינען נישט ריכטיג פארבערייטעט געוואָרען. האָט דיא רעגירונג, אויף דעם פערלאנג פון דעם אָבערראבינער פון וויען, אויטאָריזירט מען זאָל אויסטהיילען א מאַסע קארטאָפעל פאר דיא אָרטאָדאָקסישע אידען.

הונדערטע אידישע סאָלדאטען זיינען בעלוינט געוואָרען מיט מעדאלען אויפ׳ן שלאכטפעלד, און פיעלע זיינען ערהויבען געווארען צו אָפיציערען־עמטער.

גאליציען

עס איז געווען דער מיליאָן אידען פון גאליציען, אויף וועלכע עס איז געפאלען דיא פולע לאסט פון דער מלחמה. אבוואהל זייער עקאָנאָמישער צושטאנד איז בעפאָר דיא מלחמה געווען פיעל ניעדריגער וויא פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג, איז אבער זייער פּאָליטישער צושטאנד געווען מיט אלעמען גלייך. אבער דיא רוסישע אריינדרינגונג אין גאליציען, אין סעפטעמבער 1914, האט איבער־נאכט געענדערט זייער צושטאנד.

דער רוסישער גענעראל־גובערנאטאר, גראף באברינסקי, א בעוואוסטער אנטיסעמיט, האט געפונען דעם פאליטישען שטאנד פון דיא אידען אין גאליציען העכסט אבשייליך פאר איהם. ער האט זיי גלייך גענומען ערנידערען צום שטאנד פון דיא רוסישע אידען, און אויב מעגליך, נאך ניעדריגער. ער האט פארגעשלאגען צו זיין היימישער רעגירונג, דאס אלע אידישע גרונד־בעזיצונגען אין גאליציען זאלען קאנפיסקירט ווערען און מען זאל פערבאטען דיא אידען צו בעזיצען, קויפען אדער דינגען לאנד; און דיעזעס, האט ער ערקלעהרט, איז א באלדיגע נויטווענדיגקייט, וואס מען מוז תיכף ומיד אויספיהרען. נאך אפילו איידער רוסלאנד אנאנסירט דיא פארמאלע אנעקסירונג פון גאליציען!

דעם 13טען פעברואר 1915, האט דער גרויספירסט ניקאלאי ארויסגעגעבען אן אוקאז, ערקלעהרענדיג דאס „אין אנבעטראכט נעהמענדיג דיא פערמעהרונג פון שפיאנעריי מצד דיא אידען, פראקלאמירט ער דאס:

1.— קיין פערזאן פון אידישער נאציאנאליטעט קען אריינקומען אין גאליציען.

2.— קיין פערזאן פון אידישער נאציאנאליטעט מעג דורכגעהן פון איין געגענד אין גאליציען צו א צווייטע.

3.— פערברעכענס געגען דיעזע פראקלאמאציאן זאלען בעשטראפט ווערען מיט דריי טויזענד רובעל (1,500), אדער דריי מאנאט געפענגניס.*)

דער גייסט פון דיעזע דאקומענטען, וואס איז איבערגעגעבען געווארען צו די סאלדאטען, האט פראדוצירט א סעריע פון רציחות געגען דער אידישער בעפעלקערונג נאך שרעקליכער אפילו ווי אירגענד וועלכע וואס זיינען ווען בעגאנגען געווארען אין רוסלאנד. אין יעדע שטאדט, וואו די רוסישע סאלדאטען זיינען נאר אנגעקומען, האבען זיי די ערשטע זאך אפגעזוכט דעם אידישען קווארטאל און האבען זיך דארט צולאזען אין א טייפעל־שפיעל פון פלינדערונג, רויב און פרויען־שענדונג.

---

*) „פריקארפאטסקאיא רוס".

אין דעם שטעדטעל באַהראַדטשאַן איז אין יאַנואר 1915 ערשיענען אַן אבטהיילונג פון עסטרייכיש־פּוילישע סאָלדאַטען. זיי האָבען געפּאָר־דערט שפּייז און קוואַרטירען, און מען האט עס זיי, נאַטירליך געגעבען נאָך א קורצע אויפהאַלטונג זיינען זיי אוועק. דיא טהאַט פון דיא אידען איז אָבער געמעלדעט געוואָרען צום רוסישען קאָמאַנדיר אין סטאַניסלוי, ער האט גלייך געשיקט א שטראַף־עקספּעדיציאָן פון פיער הונדערט קאַזאַקען צום שטעדטעל. זי האָבען דאָס שטעדטעל אונטערגעצונדען, ארויסגעטריעבען אַלע אידישע פרויען און מיידלאַך פון זייערע בעהאַל־טעניסען, זיי פערזאַמעלט אויפ'ן פּלאַשטשאַד (סקווער) און דאָרט געמאַכט א טייפעל־שפּיעל אונטערן אָפענעם הימעל. ווען זייער בעסטיאַלישער תאוה איז שוין געווען געזעטיגט, האָבען זיי געטריעבען זייערע אָפּפער אונטערן קנאַק פון דיא נאַגייקעס, האַלב נאַקעטע און אויסגעהונגערטע, אויף דעם וועג נאָך סטאַניסלוי. איין פרוי, וועלכע איז בלויז מיט עטליכע טעג פריהער אויפגעשטאַנען פון קינד־בעט, איז אויפען וועג געשטאָרבען. איינער פון דיא דאָקטוירים פון סטאַניסלוי, דר. ב., זאָגט עדות, אז ער ליין האט בעהאַנדעלט צעהן פעלע פון פרויען און מיידלאַך, וואָס זיינען געשענדעט געוואָרען. *)

אין שטשערזעץ, גאַליציען, האָבען דיא רוסישע סאָלדאַטען גער־כאַפּט איינעם יעקב מישעל, א מיטגליעד פון דעם שטאָדט־ראַטה, האָבען איהם בעגאָסען מיט אויל און איהם פערברענט לעבעדיגערהייד**)

אין דעמביצא זיינען דיא קאַזאַקען אנגעפאַלען אויף א שוהל, וואוהין די אידען זיינען אנטלאָפען זוכען שוטץ און בעטען גאָט. דיא קאָזאַקען האָבען בערויבט און איינגעשלאָסען דיא מענער, און דיא פרויען האבען זיי געשענדעט. די יעניגע וואָס זיינען ארויסגעשפּרונגען געוואָרן דורך דיא פענסטער זיינען אונטען גאַכאַפּט געוואָרען פון די וועכטער, און מענער און פרויען זיינען פערשמיעסען געוואָרען צום טויט. דאַן האָבען די קאַזאַקען אונטערגעצונדען דיא שוהל.

דיעזע זיינען טיפּישע פעלע פון גרויזאַמקייטען וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען געגען דער אידישער בעפעלקערונג אין גאַליציען.

---

*) „יודישעס אַרכיוו", זייטע 5.

**) „יודישעס ארכיוו", זייטע 6.

עס איז כמעט נישטא קיין שטעדטעל אין דער אריינדרינגונס-ליניע, וואס זאל זיך האבען געראטעוועט דערפון. דיא אידישע בעפעלקערונג איז אנטלאָפען פאר דיא רוסישע אריינדרינגער אין גרויסע מאסען.

עס זיינען דא ארום 175,00 אידישע פליכטלינגע אין וויען; 70,000 פון דיעזע זיינען אין דער גרעסטער נויטה. עס זיינען דאָ ארום 70,000, וואס וואוינען אין דיא קאַזאַרמען אין בעהמען; 8,000 פון דיעזע זיינען אין פראג. עס זענען דאָ ארום 52,000 אין בודאפעסט. אלע פליכטלינגע וואס האבען זיך בעזעצט אין אונגארן, זיינען אבער אריבערגעפיהרט געווארען נאָך עסטרייך. דר. י. בלאָך פון וויען שאצט דאס דער סך־הכל פון אידישע פליכטלינגע פון גאליציען בעטרעפט ארום א האלבען מיליאָן. דיא לאגע פון דיעזע פליכטלינגע איז עטוואס בעסער וויא דיא לאגע פון דיא אידישע פליכטלינגע אין רוסלאנד, ווייל דיא רעגירונג האט זיי בעזארגט מיט פלעצער אין קאָנצענטראַציאָנס קעמפּס, בעזאָרגט זיי מיט זייערע נויטהיגסטע בעדירפניסע און צאהלט יעדען פון זיי 70 העלער (14) סענט א טאָג. מיט דער שטייגונג אין די פרייזען פון שפייז, איז זייער טעגליכע געצאהלט געהעכערט געווארען אויף 90 העלער (18 סענט). זיי ווערען גוט בעהאנדעלט פון דער בעפעל־קערונג און אין פיעל פעלע בעזאָרגט מען זיי מיט עפעס ארבייט.

רומעניען

די צוקונפט פון רומעניען איז פון גרויס אינטערעסע פאר דיא אידען צוליעב צוויי אורזאכען: ערשטענס ווייל די אידען פון רומעניען ווערען בערויבט אין זייערע בירגער רעכט, אין געגענזאץ פון א הייליגע פערשפּרעכונג וואס רומעניען האט געגעבען דיא גרויסמעכטע ביים בערלינער קאנגרעס אין 1878; צווייטענס, ווייל עס וועט אָהן צווייפעל זיין רומעניען'ס ציעל צוריקצוגעווינען פון עסטרייך־אונגארען געוויסע גרויסע טעריטאָריען, וויא טראַנסילוואַניען און בוקאווינא, אין וועלכע דיא מעהרצאָהל פון דער בעפעלקערונג זיינען פון רומענישער אָבשטאַ־מונג, און אויף דיעזען אופן, אויב זיא זאָל זיין ערפאָלגרייך, וועט דיא

אידישע בעפעלקערונג אונטער רומעניען'ס הערשאפט שטייגען פון 250,000 אויף איבער א מיליאָן.

אין פערלויף פון דער יעצטיגער מלחמה האט רומעניען בעוויזען איהר פיינדליכע שטעלונג צו אידען. טויזענדע אידישע פליכטלינגע וואס זיינען אנטלאָפען פאר דער ווילדהייט פון דער רוסישער ארמעע, וואס איז אריינגעדרונגען אין בוקאווינא, האבען געזוכט שוץ אין רומעניען. דיעזע זיינען בעהאנדעלט געווארען מיט דער גרעסטער ברוטאליטעט פון דיא רומענישע בעאמטע אין דיא גרענעץ שטעדטלאך.

ביים אנפאנג פון דעם מאנאט יולי 1915 האט דיא רעגירונג ארויסגעגעבען א בעפעהל צו דיא אדמיניסטראטיווע בעאמטע פון אלע געגענדען ביי דער עסטרייכיש־אונגארישער גרענעץ ארויסצוטרייבען דיא אידען פון דיא שטעדטלאך נעבען דער גרענעץ און זיי צו פערשיקען טיעפער אין רומעניען. דיא בעאמטע האבען גענומען דיא געלעגענהייט פון דיעזען בעפעהל און האבען געטריעבען נים נאר די פליכטלינגע, זאָנדערן אויך הונדערטע אידישע בירגער פון רומעניען, וועלכע האָבען געוואוינט אין דיא גרענעץ־שטעדטלאך זיים דורות. דער בעפעהל פון דעם גירוש איז אויסגעפיהרט געווארען מיט דער גרעסטער גרויזאמקייט. און די אידען זיינען געווען געצוואונגען צו פערלאָזען דיא שטעדטלאך אין צייט פון אכט און פיערציג שטונדען, און אין מאַנכע פעלע מיט זייער גאנצע ביסעל ארעמקייט אין צייט פון פיער און צוואנציג שטונדען. א. אלגעמיין האט מען זי נישט ערלויבט אפילו מיטצונעהמען זייער ביסעל ארעמקייט, און אפילו אונטער דיא בעסטע אומשטענדען זיינען זיי געווען געצוואונגען איבערצולאָזען זייער פערמעגען, ווייל זיי האבען נישט געוואוסט זייער וועג און נישט זייער שיקזאל.

דיעזע האנדלונג פון דער רעגירונג האט ארויסגערופען א גרויסע בעגנערשאפט אין דער פרעסע. דיא „וויטאָ רול", דער אפיציעלער אָרגאן פון דער ליבעראלער פארטיי, וואס איז יעצט אין דער מאכט, האט בעגעגענט דיעזע אַטאַקען אין איהר אויסגאבע פון 12טען יולי 1915 וויא פאָלגט:

„מאנכע פון דיא צייטונגען פרעטענדירען, אז דאָס מיניסטעריום פון אינערען אנגעלעגענהייטען האט ארויסגעגעבען בעפעהלע, דאס די רומעניש־געבארענע אידען וואס זיינען עטאבלירט אין דיא שטעדט־לאך אויף דער נאָרדליכער גרענעץ פון מאָלדאוויען, זאָלען פערשיקט

ווערען אין דעם אינערן פון דעם לאנד. דיעזע נייעס איז נישט ריכטיג, דער אינערן מיניסטער ציעלט נישט אויף דיא אידען וואס זיינען עטאבלירט אין די שטעדטלאך נעבען דער גרענעץ אדער אין אירגענד אנדערען פלאץ. דער בעפעהל וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון דעם אינערן מיניסטער בעריהרט בלויז דיא פרעמדע אונטערטהאנען פון אַן אויסלענדישע מדינה, און די רומעניש־געבאָרענע אידען, וועלכע וואוינען נישט אין דיא גרענעץ־שטעדטלאך, נאר זיי פאָהרען אַהין אויף געשעפט, האנדלענדיג אלס תבואה־מעקלערם. און דער צוועק פון דיעזען בעפעהל איז אפצוהאלטען אזעלכע לייטע פון בעגעהן טהאטען וואס זיינען געפעהרליך פאר דיא אינטערעסען פון דער בעפעלקערונג פון דעם לאנד. דיא פריעדליכע אידישע בעפעלקערונג וואס וואוינט נעבען דער גרענעץ איז נישט דיא ציעל פון קיינע רדיפות, וויא דיא אונפעראנטוואָרטליכע צייטונגען ווילען עס האָבען.

די בוקארעסטער צייטונג „אדעווערול“ (ווארהייט), אַן אונאבהענ־גיגער אָרגאַן און איינע פון דיא צוויי בוקארעסטער צייטונגען וואָס סימפאטיזירען מיט אידען, האָט דארויף געענטפערט:

„אלס ענטפער אויף די אטאַקען פון דער רעגירונגס אָרגאַן אויף די „אונפעראנטוואָרטליכע“ צייטונגען, זיינען מיר אימשטאַנד צו פערעפענטליכען א ליסט פון דער „פריעדליכער אידישער בעפעל־קערונג“, וואס האט געליטען פון די שרעקליכסטע רדיפות פון די בעאמטע. מר קענען געבען נעמען פון רעזערוויסטען, וואס זיינען געווען מאַבליזירט ביים סאַמע מאָמענט, וואָס זייערע קינדער זיינען ארויסגעטריעבען געוואָרען פון זייערע היימס. עס איז מעגליך אז דער אינערן מיניסטער האט נישט געמיינט צו „ציעלען“, וויא דער אפיציעלער אָרגאַן זאָגט, אויף אידען. אויב דער מיניסטער איז אונשולדיג וואלטען מיר וועלען ויסען וואס פאר א שטראָף ער וועט ארויפלעגען אויף זיינע בעאַמטע, וועלכע האָבען פלייסיג מיס־רעפרעזענטירט זיין בעפעהל.

„עס איז אָבער נישט מיר, וואָס זיינען אונפעראנטוואָרטליך. עס איז די רעגירונג, וואָס בעמיהט זיך צו פערפיהרען דעם פובליקום דורך צווייפעלהאפטע ערקלעהרונגען. זיא זאָגט, אז דער בעפעהל האָט נאָר געהאט צו טהאָן מיט דיא מעקלערס, וועלכע קענען בעגעהן געפעהרליכע טהאטען. מיר ווייסען אז דאָס געזעץ בעשטראפט פער־

ברעכענס און עבירות וואָס זיינען בעגאנגען געוואָרען, אָבער עס ערוואַרטעט נישט קיין פערברעכענס וואָס וועלען בעגאנגען ווערען. דאן ווידער, דאס געזעץ בעשטימט א שטרענגע שטראָף פאר יעדען פערברעכען און נישט אַן אלגעמיינע פערמיידונגס־שטראָף, אזא וויא פערשיקונג. ווארום איז עס אַז די יעניגע וואס זיינען בעגאנגען דעם פערברעכען, זיינען נישט ארעטירט געווארען, און פריעדליכע מענשען ווערען בעשטראָפט אנשטאָט זיי?

„אפילו דיא רעגירונג אנערקענט, דאָס דיעזע פערמיידונגס־שטראָף ווערט אנגעווענדעט צום פרעמדען און צו אזעלכע אידען וואָס טהוען נאר געשעפטען און וואוינען נישט אין דיא דאָזיגע פלעצער. דאס מיינט, אַז דער פערדאַכט ליעגט גלייך אויף דעם פרעמדען און אויף דעם רומענישען איד, ווייל דער איד, אבוואהל נישט ס׳ פרעמדער, איז פון אנאנדער גלויבען. דער פערדאכט פאלט אן אויף אלע רומעניש־געבארענע אידען. אזוי זעהען מיר, דאָס אפילו אויב דעם אָפיציעלען ארגאן׳ס עפענטליכע אויסטייטשונג פון דעם געזעץ זאָל זיין ריכטיג, איז עס אלעם דער איד וואס וועט ליידען. אבער מיר קענען נישט אננעהמען דיא ערקלעהרונג. זיא איז פאלש.

„עס איז אַן אבסאָלוטער פאַקט, דאס נישט דורכרייזענדע הענדלער נאָר מענשען וואָס זיינען אונשולדיג, אזעלכע וואָס צאהלען שטייערן אין יענע געגענדען, זיינען ארויס געטריעבען געווארען“.

עס איז נוצלאָז צו שפעקולירען וועגען דעם וואס רומעניען קען טהאָן, ווען זיא זאָל פערוויקעלט ווערען אין דער מלחמה. עס איז אבער א יושר צו בעטראַכטען אויב, אימפאַלס זיא ווערט נישט פערוויקעלט אין דער מלחמה, עס וועט זיין מעגליך צו ברענגען צו דער אויפמערק־זאַמקייט פון דיא מלחמה־מעכטע ביי א צוקונפטיגער פריעדענס קאָנפערענץ דיא פראגע פון דעם שטאַנד פון דיא אידען אין רומעניען.

דיזע זיינען אין דער ביטערער לאגע פון א פאָלק אָהן א לאַנד. זיי זיינען אונטערטהאנען פון רומעניען, צאהלען שטייערען דיעזע זיינען אין דער אונטערטהאנען פון רומעניען, צאהלען שטייערן און אונטערשטיצען דער רעגירונג. אבער אפילו דיא איינגעבאָרענע און דיא דאָזיגע ווענמענס עלטערען און אור־עלטערן זיינען געוועזען איינ־געבאָרענע רומענישע אונטערטהאַנען, קענען נישט ווערען קיין בירגער און דיא רעגירונג מאכט געגען זיי אויך אויסנאהמען. אין דיעזע היגזיכט קען מען רומעניען רופען „קליין רוסלאנד.

דער צושטאנד פון רומעניען אלס א נאציאָן איז אויסערגעוועהנליך. זיא איז געמאַכט געוואָרען פאר אַן אונאבהענגיגע לאנד דורך די אייראָפּעאישע מעכטע ביים קאָנגרעס פון בערלין, נאָך דער רוסיש־טערקישער מלחמה פון 1877—8. אין א טראַקטאַט וואס איז דאַמאַלס אונטערצייכענט געווארען פון אלע מעכטע פון אייראָפּא, זיינען דיא פאָלגענדע ארטיקלען פערשריעבען געוואָרען:

43.— דיא הויכע אָפּמאַך־פּאַרטייען אַנערקענען דיא אונאבהענגיגקייט פון רומעניען, בעגרינדעט אויף דיא קאָנדיציאָנען וואָס זיינען אויסגעזעצט אין דיא פאָלגענדע צוויי ארטיקלען.

44.— אין רומעניען זאָל דער אונטערשיעד פון רעליגיעזע גלויבענס און קאָנפעסיאָנען נישט בעהויפּטעט ווערען געגען קיין פערזאָן אלס א גרונד איהם אויסצושליעסען אדער מאכען אונפעהיג אין זאכען וואס אנבעלאנגען דאס געניסען פון בירגערליכע און פּאָליטישע רעכט, אריינטריט צו עפענטליכע בעשעפטיגונגען, פונקציאָנען און עהרען, אָדער זיך אָפּגעבען מיט דיא פערשיעדענע פּראָפעסיאָנען און אינדוסטריען אין וועלכע געגענד עס איז.

„דיא פרייהייט און עפענטליכע אפּגעבונג אין אלע פאָרמען פון גאָטעסדיענסט זאָל זיין געזיכערט צו אלע פערזאָנען וואָס בעלאנגען צום רומענישען שטאַט, וויא אויך צו אויסלענדער, און קיין שטערונג זאָל געאָפּערט ווערען צו דיא גייסטליכע ארגאניזאציאָנען פון דיא פערשיעדענע רעליגיאָנען, אָדער צו זייערע פערבינדונגען מיט זייערע גייסטליכע איבערהויפּטען. דיא אונטערטהאנען און בירגער פון אלע מעכטע, האנדעלסלייט אדער אנדערע, זאלען בעהאנדעלט ווערען אין רומעניען, אָהן אונטערשיעד פון גלויבען, אויף א באָדען פון פאָלקאָמענע גלייכהייט."

רומעניען, האָבענדיג געווארען אַן אונאבהענגיגע נאציאָן דורך איהר אנערקענונגס פון דיעזע מעכטע און אויף דיא בעדינגונגען וואס זיינען אויסגערעכענט אין דעם טראקטאַט פון בערלין, קען זיין מעגליך, אז ביים שלום פון דער מלחמה, זאָלען די פערגוואלדיגונגען פון דיזען טראַקטאַט מצד דער רומענישער רעגירונג בעטראַכטעט ווערען פון די מעכטע, וועמעס עהרע ווערט פערשוועכט דורך אַן אָפענע פערגוואלדיגונג פון א טראַקטאַט, צו וועלכען זיי זיינען געוועזן ערענסטע צדדים.

פּאַלעסטינא

דיא אידען פון פּאַלעסטינא זיינען געווען צווישען דיא ערשטע קרבנות פון דער מלחמה. דער גרעסטער טהייל פון זיי זיינען אבּהענגיג, גענצליך אָדער טהיילוויין, אויף זייערע גלויבּענס־גענאָסען אין אייראָפּא און אין אמעריקא. מיט דעם אויסבּרוך פון דער מלחמה זיינען אַלע נאָרמאַלע פּערבּינדונגס־קוועלען צייטווייליג אונטערבּראָכען געוואָרען. וואָלט דאָס אפילו נישט פּאסירט, וואָלע דיא פּאָלקאָמענע פּאַראַליזירונג פון דעם האנדעל אין אייראָפּא, געמאכט פאר אונמעגליך אז דיא אידען, וועלכע זיינען אליין געווען אויף צרות, זאלען קענען אנהאלטען זייער מאַטריעלישע אונטערשטיצונג.

די שווערינקייטען פון דעם צושטאנד איידער טערקיי איז געווארען א מלחמה־לאנד ווערען אין קורצען איבּערגעגעבּען אין דיא פּאָלגענדע אויסציגע פון א רעפּאָרט, דאטירט אָקטאָבּער 21, 1914, געמאכט פון מר. מאָררים ווערטהיים, וועלכער איז אנפערטרויט געוואָרען פון אמבּאַסאַדאָר מאָרגענטהוי מיט דער אויסטהיילונג פון א פּאָנד פון 50,000 דאָלאר, וואס דיא אמעריקאנער אידען האבּען בּייגעשטייערט.

דיא קאָלאָניסטען אליין זיינען נישט געווען אין אַווירקליכע נויטה פיר הילפע, ווייל זיי זיינען מייסטענס מענשען וואָס פערמאָגען געוויסע קאפּיטאלען און קענען זיך אליין העלפען. נאך מעהר, זיי קענען קריגען זייערע געלדער פון בּאנק אויף דעם פאָלגענדען אופן: דיא אנגלאָ־פּאלעסטינא בּאנק, מיט וועלכע דיא מייסטע אידען אין פּאלעסטינא טהוען זייער געשעפטען דורך איהרע צווייגען אין יפו, ירושלים, חיפה, טבריה, א.ז.וו., רעדזשיסטרירט פאר איהרע דעפּאזיטאָרס טשעקס ארונטער דיא קלענסטע סומען. דיעזע טשעקס ווערען געמאכט צאָהלבּאַר צום דעפּאזיטאָר, ווערען פון איהם אינדאָרסירט, און דער רעדזשיסטירונג שטעמפּעל פון דער בּאנק איז אזוי גוט וויא א צייגניס, דאס דער טשעק וועט געקעשט ווערען אין דער בּאנק נאָכ׳ן מאָראַטאָריום. מיט דיעזע טשעקס זיינען דיא קאָלאָניסטען אימשטאנד צו סופּלייען זייערע באלדיגע בּעדערפניסע און ארונטערנעהמען זייערע תבואה.

דיא איינציגע דרינגענדע נויטווענדיגקייט פון דיא קאָלאָניסטען איז געווען אויסצובּייטען אייניגע פון דיעזע טשעקס אויף גאָלד, אום

צו בעצאָהלען דיא רעגירונגס שטייערען און דיא מיליטערישע אויס־קויף־געלד, און דיעזעס איז אויך אראַנזשירט געווארען.

ווייטער זיינען דיא צוויי גרויסע נויטהווענדיגקייטען פון דיא אידישע קאָלאָניעס, אין אַלגעמיין גערעדט, געווען: (א) צו זאָרגען פאר דיא אידישע ארבייטער, וואס זיינען ארויסגעווארפען געווארען פון דער ארבייט דורך דיא עקזיסטירענדע צושטענדע, און (ב) צו פערשאפען נייע מאַרקעטס פאר זייערע פראָדוקטען, וואָס זאָלען פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דיא וואָס זיינען בעריהרט געוואָרען פון דער מלחמה.

עס זיינען דא ארום 2,500 אידישע ארבייטער אין דיא קאָלאָניען.

עס איז אונמעגליך צו בעשליסען דעם ריכטיגען פּראָצענט פון דיא ארבייטסלאָזע צווישען זיי. אויב מיר זאלען אפילו אננעהמען אז בלויז א העלפט פון זיי זיינען ארבייטסלאָז, קען מען שוין לייכט זעהן אז מיט דעם געלד וואס מיר האבען געהאט פיר דיעזען צוועק, האט מען ווייט נישט געקענט געהן. איך מעג דאָ בעמערקען, דאָס אין אויסטהיילען דאָס געלד צווישען די פערשידענע געגענדען אין פּאלעסטינא, האבען מיר פאר דיא קאָלאָניען בעשטימט עטוואס א גרעסערע פּראָפּאָרציאָן ווי זייער בעפעלקערונג האט בערעכטיגט.

דאָס עפענען פון נייע מארקעטס פיר פּאלעסטינער אגריקולטורעלע פּראָדוקטען (אָרענדזשעס, וויינטרויבען און מאַנדלען זיינען די הויפּט ארטיקלען פון עקספּאָרט), איז פיעלייכט דיא דרינגענדסטע נויטווענדיגקייט פון דער קאָלאָניסטישער בעוועגונג אין פּאלעסטינא. דיא קאָלאָניסטען פיהלען דאס דער הויפּט מארקעט פיר דיא ארענדזשעס וואס איז אין דער פערגאנגענהייט געווען ענגלאנד, וועט פיעל געשטערט ווערען, און אויב זיי זאָלען נישט קענען פערקויפען זייערע פּראָדוקטען, ווערט בעדראָהעט זייער גאנצע צוקונפט און זייער סאַמע עקזיסטענץ.

דיא לאגע אין דיא גרעסערע בעפעלקערונגס צענטערס איז זעהר שלעכט. באַארעס געלד קומט כמעט גאָר נישט אריין אין דעם לאנד, און אויסלענדישע טשעקס וואס קומען שוין אריין, קען מען נישט אויס־טוישען. דיעזעס פערורזאכט, נאטירליך, א גרויסע נויטה צווישען די יעניגע וואס זיינען אבהענגיג אָן דער „חלוקה“ און אויך צווישען דער גרויסער קלאַסע וואס איז אָבהענגיג אָן געלדער וואָס ווערען געשיקט פון קרובים. נאָך מעהר, דיא אינדוסטריען פון דער פאַבריצי־רונג פון אנטיקען און סאָווענירס זיינען גענצליך אָפּגעשטעלט, איבער

דעם ווייל עס זיינען אויף אזעלכע זאכען נישטאָ קיין קונדען, און עס איז נישטאָ קיין געלד אויף איינצופיהרען אזעלכע אינדוסטריען וויא געבוי, סטאָלעריי, שניידעריי און שוסטעריי, אין וועלכע א גרויסע צאָהל אידען זיינען בעשעפטיגט. איך האָב געפונען, דאָס דיא בעסערע קלאַסע אידען האט זיך ארגאַניזירט פיר צייטווייליגע הילפע, אבער זייערע מיטלען האלטען שנעל ביים אויסגעהן. מענשען וואס האָבען מיט עטליכע וואכען צוריק געגעבען נדבות אויפצוהאלטען דיא סופּ־קיטשענס, זיינען ביי מיין אָנקומען שוין אליין געווען אין דער גרעסטער נויטה. איין אידישער האספיטאַל האט זיך שוין געשלאָסען.

דער שפּייז צושטאַנד אין פּאלעסטינא איז געווען גאר שרעקליך. דיא פּרייזען זיינען גראדע ניט געשטיגען זעהר הויך, אָבער דיא סופּלאַי־קוועלען זיינען געווען בעשרענקט. דער אריינפיהר פון ווייץ פון מזרח זייט פון דעם ירדן איז פערבאָטען געוואָרען פון דער רעגירונג. (דורך דיא בעמיהונגען פון דעם אמבאסאַדאָר האבען מיר זיך אנגעשטרענגט מען זאָל דיעזען פערבאָט אראָפּנעהמען). אום צו בעשיצען זיך פאַר א מעגליכע אויספּעהלונג פון שפּייז און אויך אום צו אָפּערען שפּייז אויף דער ביליגסטער פּרייז, ועט אונזער קאָמיטע פון צייט צו צייט אויפקוי־פען אזעלכע גרויסע קוואנטיטעטען שפּייז וויא מען קען נאר קריגען, אליין באקען ברויט און עס פערקויפען אויף קאָסט פּרייז און אפשר נאָך א ביסעל ביליגער.

ווען טערקיי איז אריין אין דער מלחמה אלס א פערבינדעטע מיט דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגארען, איז די לאַגע פון דיא 50,000 רוסישע אידען, וואָס האָבען פאָרמירט א העלפט פון דער בעפעלקערונג אין פּאלעסטינא, געווארען זעהר געפעהרליך. אלס אונטערטהאנען פון א פיינדליכע לאַנד, זיינען זיי געווארען אונטערוואָרפען צו אלע בעש־רענקונגען און בערויבונגען פון רעכט, וואס מיליטערישע נויטהווענ־דיגקייט אדער אינטערנאציאָנאלע שנאה האט געקענט דיקטירען. און אזוי זיינען דיעזע טויזענדע אידען געווען געצוואונגען צו ליידען איבער דעם, ווייל טעכניש האָבען זיי געטראָגען דיא נאַציאָנאליטעט פון א לאַנד וואָס האט זיי פאַקטיש פערשטויסען.

דורך דער אריינמישונג פון דער דייטשער און אמעריקאַנער עמבאַסי, האט אָבער דיא אָטאָמאַנישע רעגירונג געמאַכט בעזאָנדערע קאָנצעסיעס לטובת דיעזע אידען. מען האט געגעבען עטליכע וואָכען

צייט דיא יעניגע וואָס האבען געוואָלט ווערען טערקישע אונטערטהאַנען דורך נאַטוראַליזאַציאָן. ביים אויסגעהן פון דיעזען טערמין, האָט מען דיא יעניגע וואס זיינען נישט געווארען קיין טערקישע אונטערטהאַנען, בעפעהלען צו פערלאָזען דאס לאנד. ארום 600 האט מען מיט געוואַלד ארויסגעטריעבען, און ארום 7,000 אנדערע זיינען פרייוויליג אוועק־געפאהרען. דיא מייסטע פון דיא פליכטלינגע האבען געזוכט שוץ אין עגיפּטען, און פון דאָרט זיינען פיעלע געפאָהרען נאַך דיא יונייטעד סטייטס. אין פריהלינג 1915 האט אָבער דער מיניסטאָרען ראַטה בעשלאָסען אויפצוהערען דיעזע גירושים.

דיא שוועיגקייט פון דער עקאָנאָמישער לאגע פון דער אידישער בעפעלקערונג זיינען נאָך ווייטער געשטיגען מיט טערקיי'ס אריינטריט אין דער מלחמה. דיא רעגירונג האָט קאָנפיסקירט דיא מייסטע תבואות, און א גרויסע צאהל פון דיא איינוואוינער זיינען גענומען געווארען פאַר סאָלדאטען, אדער זיי האָבען זיך געמוזט אויסקויפען מיט געלט.

אין מערץ 1915 האט דיא אמעריקאן דזשואיש רעליף קאָמיטע און דיא פּראָוויזאָרישע ציוניסטישע אקציאָנס קאָמיטע, דורך דער העפליכקייט פון דער יונייטעד סטייטס רעגירונג, געשיקט א שפּייז־שיף נאָך פּאלעסטינא. אבוואָהל בעדייטענדע טהיילען פון דיעזע סופּלייעס זיינען דורך דער טערקישער רעגירונג פערווענדעט געוואָרען צו ניט־אידישע קוועלען, איז דיא שפּייז פראַגע דאָך אין א גרויסע מאָאָס געלעזט געוואָרען און דיא צושטענדע האָבען זיך פיעל פערבעסערט. דער יעצטיגע צושטאנד ווערט אין קורצען ערקלעהרט אין דיא פאָלגענדע אויסציגע פון א בעריכט פון דער פּראָוויזאָרישער אקציאָנס קאָמיטע פיר אלגעמיינע ציוניסטישע אנגעלעגענהייטען, דאטירט אויגוסט 10, 1915:

דיא עקאָנאָמישע לאגע האט אויך געוויזען א שטיקעל פערבעסערונג. דיא אנקונפט פון דער רעליף שפּייז־שיף „וואולקאַן" איז טהייל־ווייז פעראנטוואָרטליך פאַר דיעזען רעזולטאַט. נאָך א היבשע דיסקוסיאָן מיט דיא רעגירונגס בעאמטע, האט מען איינגעשטימט אויף דער פאָלגענדער ראטה פון אויסטהיילונג: 55 פּראָצענט פיר אידען, 26 פּראָצענט פאר מחמד'אַנער און 19 פּראָצענט פיר קריסטען.

דאָס שיקען פון דער רעליף שיף האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף מאכען בעדייטענד ביליגער די פּרייזען פון שפּייז. דיא תבואה

־זאַמלונג איז יעצט אין פולען גאנג. דיא גערעטעניש איז צופרידענ־שטעלענד, בעזאנדערעס אין גליל, וואס איז הויפטזעכליך א לאנד פון קאָרן. אונזערע פארמס, אין בעזאָנדערס, האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין א וויכטיגער פאקטאָר אין דעם יעצטיגען קריזיס, דורך סופלייען דיא קאלאניען און שטעדט מיט קערנער אויף מעסיגע פרייזען. עס איז דיא אורזאַכע צו גלויבען, אז פאלעסטינא וועט שוין קענען אויסקומען מיט שפייז, אָהנע צו זיין אבהענגיג אויף צושיקונגען פון אמעריקא. עס איז נאָך דא א מאנגעל אין צוקער און אין אייניגע אנדערע וועניגער־וויכטיגע שפייז־זאַכען, פון וועלכע מען קען נאָך בעציהען קליינע קוואנטיטעטען פון עגיפטען.

דיא עקאָנאָמישע אויסזיכטען וואָלטען געווען בעדייטענד בעסער ווען נישט דער היישעריק, וואס איז בעפאלען פאלעסטינא אין גרויסע מאסען. אין דעם קאָרן־לאנד גליל איז דיא געפאהר וועניגער וויא אנדערשוואו, וואו דיא הויפט זאך אין אגריקולטור זיינען דיא פלאנטאצ־יעס. דער קאמפף געגען דיעזע פלאג איז אויפגענומען געווארען ענערגיש און סיסטעמאטיש.

דיא געפאהר פון א מאנגעל אין קערנער איז נאָך א פראָבלעם וואָס נויטהיגט זיך אין פאָרזיכטיגע בעטראכטונג. וועהרענד אין נאָר־מאלע צייטען איז פאלעסטינא אימשטאנד צו עקספאָרטירען קערנער נאָך אויסלאנד, האט דער אויסברוך פון דער מלחמה, דורך דיא שווערע רעקוויזיציעס פון דער רעגירונג און דיא שוועריגקייטען אין פערבינדונ־גען מיט צפון פון פאלעסטינא און האוראן, די קערנערייען פון דעם לאנד, געבראכט א שרעקליכען צושטאנד. פילע וואָהלהאבענדע אידען האָבען אפגעקויפט קוואנטיטעטען קערנער, זיי צומאָהלען און פערקוי־פען דיא מעהל צום פובליקום אויף ביליגע פרייזען. אויף אזא אופן האָבען זיי פערמיעדען דיא געפאהר וואס האט געדראָהט פון דער בעפעלקערונג פון אונאָרענטליכע שפעקולאנטען און דיא פרייזען זיינען געבליבען ניעדעריג. אזוי, צום ביישפיעל, ווען פאר פסח איז דיא פרייז פון מעהל געשטיעגען אזוי הויך וויא 65 פראנק, האט דיא האנדלונג פון דער קאָמיטע געהאט דיא ווירקונג צו רעדוצירען דיא פרייז אויף 48 פראנק. דיא קאָמיטע האט אויך צוגעשטעלט ביליגע מעהל פיר עפ־ענטליכע אנשטאַלטען.

אלס נאָך א הילפס־מיטעל זיינען געעפענט געווארען פון דער

קאמיטע קראַמען אויף פערקויפען שפּייז. טראָץ דעם פאַקט, דאס מאנכע פון דיא וואַרען זיינען רעקווידירט געוואָרען פון דער רעגירונג, האבען דיא קראַמען געדינט א גוטע ציעל, העלפענדיג, אונטער אַנדערעס, אויך צו צירקולירען דיא טשעקס פון דער אַנגלאָ־פאלעסטינא קאָמיאַניע.

פון דעם סאמע אָנפאַנג פון דעם קריזיס האט דער פאלעסטינא אַמט געמאכט א רול, דאָס קיין ארבייטער טאָהר נישט ענטלאסען ווערען, ווייל אזא האַנדלונג קען שטעלען דעם ארבייטער אין געפאהר פון הונגער. צו סופּלייען אלע ארבייטער מיט בעשעפטיגונג, זיינען אונטערגענומען געווארען עפענטליכע ארבייט, וויא בויען וועגען, גראָבען קאנאלען און ציהען וואַסער־לייטונגען. פיעלע בוימייסטערס וואָס האָבען געמוזט אָפּשטעלען זייערע געבויארבייט, זיינען אונטער־שטיצט געווארען מיט הלוואות, אום צו קענען פאָרטזעצען דיא ארבייט.

צולעצט איז אויך ארגאניזירט געווארען אַן עפענטליכע לייה געזעלשאפט, אום זיך אפצוגעבען מיט די יעניגגע וואס פלעגען פריהער קריגען צוגעשיקט געלט פון אויסלאנד און צוליעב דער אָפּשטעלונג פון דיעזע געלדזענדונגען זיינען זיי געבליעבען אין רחמנות׳דיגע אומשטענ־דען. אַן ערך פון 900 מענשען האָבען זיך בענוצט מיט דיא פאציליטעט־טען פון דיעזע געזעלשאפט.

לויט סטאטיסטיקס וואס זיינען צוזאמענגעשטעלט געווארען פון דעם פאלעסטינא אמט, האבען ארום 8,000 אידען פערלאָזען דאס לאנד דורך דעם קריזיס. פון דיעזע זיינען 4,000 געוועזן פון יפו, 2,000 פון ירושלים, 1,500 פון דיא קאלאניען אין יהודה, און 500 פון דיא קאָלאָנ־יען אין גליל. דיא צאָהל פון אידען אין פאלעסטינא ווערט יעצט געשאצט אויף 88,100, פון וועלכע 13,500 געפינען זיך אין דיא קאָלאָניען.

דיא רעקוויזיציעס און מלחמה שטייערען וואס זיינען ארויפגעלעגט געווארען אויף דיא אידען דורך דער מלחמה, בעטרעפען 152,805 פראנק.

צוזאץ.

1.

בעריכט פון דעם רוסיש־אידישען הילפס קאמיטעט.

בעמערקונג — דער פאלגענדער בעריכט איז ארויסגעגעבען געווארען פון דעם רוסיש־אידישען קאמיטעט פיר דער הילף פון דיא מלחמה ליידענדע, צו זיינע מיטגליעדער אין רוסלאנד, אין מאי 1915. זייט דאמאלס זיינען דיא צושטענדע אין רוסלאנד און אין פוילען געהאלטען אין איין ווערען ערגער און ערגער. דיא פערלעסליכקייט פון דיזען בעריכט איז גאראנטירט פון דעם פערזאנאל פון דעם קאמיטעט, וואס צעהלט צווישען זיין מיטגליעדערשאפט אזעלכע בעריהמטע מענער, וויא באראן א. דע־גינצבורג, ה. סליאסבערג, מ. גינזבורג און ב. קאמענקא, פארזיצענדער פון דעם אקציאנס קאמיטעט; מ. א.ווארשאווסקי, פארזיצענדער פון דעם ארגאניזירונגס קאמיטעט; און ד. פיינבערג, ל. בראמסאן און מ. קריינין, סעקרעטערע.

א שרעקליכע קאטאסטראפע איז בעפאלען דער אידישער בעפעלקערונג אין דער טשערטא אסיעדלאסטי, און אין פוילען; הונגער

און דורשט, קראַנקהייט און טויט, און מאָראַלישע יסורים, וואָס זייַנען איבער דער מאַכט פון אַ מענשליכע פעדער זיי צו שילדערען. זיינען דער גורל פון הונדערטע טויזענדע אידישע מענער, פרויען און קינדער, וואָס דיא מלחמה האָט פערטריעבען פון זייערע היימען, וואָס זייערע הייזער און מקומות־מנוחה זיינען צופּלינדערט און צערשטערט געוואָרען. הונדערטע טויזענדע פון אונזערע אונגליקליכע ברידער קוקען אין האָפנונגסלאָזע פערצווייפלונג אין אַ צוקונפט, וואָס זעהט אויס זיי צו ווייזען קיין זאַך, אויסער נייע טרעהרען און לייַדען . . .

לויט דיא אויסקינפטע וואָס זיינען געזאַמעלט געוואָרען פון דעם אַלגעמיינעם פּוילישען הילפס־קאָמיטעט, האָבען וועניגסטענס 200 שטעדט און 9,000 קליינע שטעדטלעך און דערפער געליטען פון דער מלחמה. דער מאַטעריעלישער שאָדען בעטרעפט דיא גיגאַנטע סומע פון אַ מיליארד רובעל (500 מיליאָן דאָלאר). אויסער דיא שרעקליכע פערלוסטען וואָס דיא קליין־שטעדטעלדיגע בעפעלקערונג האָט געליטען, איז דיא גאַנצע אינדוסטריעלע פּראָדוקציאָן, וואָס בעטרעפט נאָהענט 800 מיליאָן רובעל אַ יאָהר, רואינירט געוואָרען. ארום דריי מיליאָן שטאָדטישע מענשען זיינען בדיל־הדל געוואָרען, און פון דיעזע דריי מיליאָן זיינען אַ העלפט, דאָס הייסט, 1,500,000, אידען. צו דיעזע צאָהל אונגליקליכע קרבנות דאַרפען מיר נאָך צורעכענען דיא בעפעלקערונג פון קאָוונער און גראָדנער גובערניעס, אין דער צפון־מערב געגענד פון דער טשערטאַ, און בעסאַראַביער, פּאָדאָליער און וואָהלינער גובערניעס, אין דרום און דרום־מערב פון דער טשערטאַ. דיעזע גובערניעס, וואָס גרענעצען זיך מיט דייטשלאַנד און עסטרייך, האָבען אַ אידישע בעפעלקערונג פון וועניגסטענס 500,000 נפשות. דער סך־הכל פון דיא אידען וואָס האָבען געליטען, אזוי אָדער אזוי, פון דעם מלחמה צושטאַנד, בעטרעפט אַלזאָ איבער צוויי מיליאָן, וואָס רעפּרעזענטירט איין־דריטעל פון דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד.

אויסער דעם, זיינען דאָ הונדערטע טויזענדע אידען אין גאַליציען (אין דער רוסישער אָקופּאַציאָן), וואָס קוקען אויס אויף הילפע פון דיעזען לאַנד.

צום שרעקליכען חורבן פון זייער מאַטעריעלען וואָהלזיין זיינען

נאָך צוגעקומען אונבעשרייבליכע ליידען וואָס דיא בעפעלקערונג פון דעם קריעגס־ראיאָן האָט געמוזט דורכלעבען. אין גאָר דיא בעסטע פעלע, האָבען דיא איינוואוינער פון דיא גרענעץ־ערטער געמוזט אנט־לויפען פון דעם שלאַכט־ראיאָן און זוכען שוץ אין דיא אינערליכע טהיילען פון דעם לאַנד. א גרויסער טהייל פון דיא דאָזיגע אידישע פאמיליען זיינען אָבער געבליבען צווישען דיא חורבות, פנים־אל־פנים מיט דעם הונגער און מיט דיא קראנקהייטען, וואָס האָבען צווי־שען זיי א רייכע שניט־צייט.

אזוי איז דיא איבערגעבענהייט און ליעבע פון דיא אידען צו זייערע געבורטס־פלעצער, צו זייערע אייגענע ווינקעלעך. זיי ווילען בעסער בלייבען אין דיא פערוויסטעטע שטעדטלאך און דערפער, אויב מען ערלויבט זיי נאָר. און דיא־יעניגע וואָס זיינען אנטלאָפען פון זייערע היימען, נעהמען דיא ערשטע געלעגענהייט זיך אומצו־קעהרען, ניט קוקענדיג אויף דיא שרעקליכע קאטאסטראָפען, וואָס ער־ווארטען זיי דאָרט. א לעבעדיגער ביישפיעל, וואָס איז טיפיש פון פיעלע אנדערע פעלע, איז געגעבען געוואָרען פון דיא אידען אין דעם דאָרף וויליצי, בוזאקער אויעזד, קיעלצער גובערניע. אונזער דעלעגאט האָט געפונען דעם דאָרף גענצליך צערשטערט דורך דיא פיינדליכע באָמבעס. דיא בעפעלקערונג — מייסטענס אידען — איז פאראיבער דריי מאָנאט דאָרט געלעגען צוזאמענגעטוליעט אין דיא קעלערן, וואו זיי האָבען זיך אויסבעהאלטען. זיי האָבען נישט געטאָהרט ארויס־קריכען פון זייערע בעהעלטעניסען ביי טאָג; מען האָט נישט גע־טאָהרט קאָכען קיין שפייז, אָנצינדען פייער ביי נאַכט — אזוי זיי־נען געווען דיא שטרענגע בעפעהלע פון דיא מיליטערישע בעאמטע. א גוט־הערציגער מיליטערישער קאָמאנדיר האָט זיי ערלויבט ארויס־צוקריכען פון זייערע פינסטערע לעכער ביי נאַכט און האָט זיי גע־געבען עסען פון דיא סאָלדאטסקע קעסלען. באלד איז אָבער אָנגע־קומען אַן אַנדערער מיליטערישער קאָמאנדיר און ער האָט דיא אונ־גליקליכע געלאָזט שטארבען פון הונגער אין זייערע קעלערן. דיא יעניגע וואָס זיינען געשטאָרבען, האָבען דיא איבערגעבליבענע לע־בעדיגע בעגראָבען אין לעכער, וואָס זיי האָבען אויסגעגראָבען אין די זעלבע קעלערן . . .

אונענדליך טראגיש איז אויך דער שיקזאל פון דיא־יעניגע אידען,

וואָס זיינען דורך די שטרענגע בעפעהלע פון דיא מיליטערישע בעאַמטע, אונטער אַ נאָטיס פון דריי ביז פיער און צוואַנציג שטונדען, ארויסגעטריעבען געוואָרען פון דיא פוילישע פראָווינצען, וואו זייער אנוועזענהייט נאָהענט צום שלאַכט־ראַיאָן איז בעטראַכטעט געוואָרען אַלס „אַ געפאַהר פאַר דיא רוסישע אַרמעען". פערלאָזענדיג זייערע היימען און זייערע פערמעגענס, דיא פרוכט פון יאָהרען־לאַנגע האָרעוואַניע, אָפּען פאַר אַלע רויבער, האָבען דיא אונגליקליכע גלות׳ניקעם טויזענדער־וויז זיך געמוזט אוועקשלעפּען צו שטעדטלעך און דערפער, דרייסיג מייל אָדער נאָך ווייטער אַוועק, וואו דיא מיליטערישע אוקאַזען האָבען דערווייל נאָך נישט ערגרייכט. אַלטע לייט, קראַנקע פרויען מיט קינדערלאַך אין זייערע אָרעמס, טראָגענדיג פּעקלאַך, אין וועלכע זיי האָבען איילענדיג פערפּאַקט זייער ביסעל אָרימקייט וואָס זיי האָבען נאָר געקענט מיטנעהמען, האָבען זיך געשלעפּט איבער דיא וויסטע וועגען אָנפילענדיג דיא לופט מיט זייערע זיפצען און יאָמערען. דאָ האָט אַן אַלטער מאַן זיך צוזאַמענגעבראָכען און האָט אויסגעהויכט זיין לעצטען זיפץ אין מיטען וועג. דאָ שטעהט אַ פרוי אויף דיא קניע, קוקענדיג מיט פערצווייפלונג וואָס איז שוין צו טיעף אויסצודריקען מיט טרעהרען, אויף איהר קינד, וואָס ליעגט טויט אין איהרע אָרעמס... פיעלע זיינען אַזוי אומגעקומען אויף זייער וועג. אונבעשרייבליך זיינען דיא ליידען פון דיא־יעניגע וואָס זיינען געבליבען לעבען. קוים האָבען זיי שוין געפונען שוץ אין אַ גאַסט־פריינדליכען שטעדטעל אָדער דאָרף, ווען — אַך, וויא אָפט! — אין אַ פּאָאַר טעג ארום האָבען דיא בעאַמטע זיי פון דאָרט אויך פערטריעבען, און ווידער האָט דיא אידישע בעפעלקערונג געמוזט נעהמען דעם וואַנדער־שטעקען . . .

דער סך־הכל פון דיא פליכטלינגע פון דעם קריעגס־ראַיאָן און פון דיא ארויסגעטריעבענע קען גאָר נישט בערעכענט ווערען מיט פּינקטליכקייט, ווייל גרויסע מאַסען האָבען זיך צולאָזען איבער דיא קליינע שטעדטלאַך אין דער טשערטאַ, מאַכענדיג אונמעגליך אַ סיסטעמאַטישע רעדזשיסטרירונג, און צו דערזעלבער צייט ווערט דיא מחנה פון דיא פליכטלינגע טאָג־טעגליך גרעסער דורך דעם אָנגאַנג פון דער מלחמה.

א שטיקעל בעגריעף וועגען זייער צאָהל ווערט געגעבען אין דיא פאָלגענדע ציפערען:

וואַרשוי	75,000	ראדאָם	2,000
ווילנא	12,000	גוסיאַטין	1,000
קיעלץ	3,000	שאקווי (סובאלקער גוב)	1,500
קאָנסק	4,000	לאָמזשע	5,000
מינסק	2,000	כמעלניץ (קיעלצער גוב.)	1,500
פראָסניש	1,500		

אָבער דיעזע ציפערען ווייזען דאָך נישט דיא צאָהל פון דיא פליכטלינגע. זיי ווייזען בלויז דיא צאָהל פון דיא־יעניגע פליכט־לינגע וואָס האָבען זיך געווענדעט פיר הילפע. הונדערטע טויזענדע אַנדערע, וועלכע האָבען נאָך דערווייל מיט וואָס אויסצוקומען, זיינען נִיט רעדזשיסטרירט געוואָרען. אָבער זיי וועלען דאָך אויך באַלד נישט האָבען מיט וואָס דורכצוקומען און וועלען זיך באַלד מוזען אָנ־שליסען אָן דיא רייהען פון דיא נויטהבעדערפטיגע... מען מוז, אלזא, גאָר אָהן מורא פאר איבערטרייבונג, דיא ציפערען פאר דיא אויבענ־דערמאָהנטע פלעצער און פאר אלע אנדערע צעהנדליגע שטעדט און שטעדטלעך רעכענען אויף דאָפעלט.

וועהרענד פיעלע שטעדט און שטעדטלאך האָבען מיט גרויס־מוטהיגע גאַסט־פריינדשאַפט געעפענט זייערע טהויערען פאר דיא פליכטלינגע און ארויסגעטריבענע פון דעם מלחמה ראַיאָן, איז אָבער דיא בעשטענדיגע בעפעלקערונג פון יענע פלעצער גופא אין א שרעק־ליכען עקאָנאָמישען קריזיס און ליידעט פון אַרבייטסלאָזיגקייט, וואָס ווערט נאָך שרעקליכער איבער דער גרויסער איינוואַנדערונג פון דיא פליכטלינגע, וועלכע זיינען נאַטירליך העכסט צופריעדען צו אַרבייטען פאר דעם מינדעסטען לוין. אויף אַזאַ אופן האַלטען דער דלות און דיא צרות אין וואַקסען אויך אין דיעזע פלעצר, און דיא לאַסט פון העלפען דיא נויטהבעדערפטיגע ווערט צו שווער פאר דיא לאָקאלע געמיינדען.

מיר האָבען שוין ערקלעהרט, אז דאָס אינדוסטריעלע לעבען אין פוילען און אין א גרויסען טהייל פון דער טשערטאַ איז דורך דער מלחמה חרוב געוואָרען. הונדערטע פאַבריקען זיינען צערשטערט.

הונדערטע אַנדערע זיינען געשלאָסען איבער דעם, וואָס עס פעהלט קאַפּיטאַל, רויהע מאַטעריאַלען, בעהייצונג און — פאַר אַלעם — ווייל עס זיינען נישטאָ קיין מאַרקעטס פאַר זייערע פּראָדוקציאָנען. פיעלע טויזענדע ארבייטער, וואָס זיינען פריהער געווען בעשעפטיגט אין דיעזע פאַבריקען, זיינען אַלזאָ געבליבען אָהן ברויט.

גאַנצע צווייגען פון בעשעפטיגונגען זיינען צושמעטערט געוואָרען, בעגראָבענדיג דעם וואָהלזיין פון דיא ארבייטער אונטער זייערע רואינען. דיא שניידעריי, וועבעריי, שוסטעריי, געבוי און אַנדערע בעשעפטיגונגען, וואָס האָבען אין נאָרמאַלע צייטען אויפגעהאַלטען א גרויסען פּראָצענט פון דיא אידען אין פּוילען און אין דער טשערטאַ, זיינען טויט. דיא ארבייטער זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען צו הונגערען, סיידען עפּעס קען געטהאָן ווערען אום זיי צו רעטען.

דאָס האַנדעלס לעבען איז אויך חרוב געוואָרען. דיא האַנדעלסלייט, גרויסע און קליינע, זיינען רואינירט; הונדערטע פּריקאזשטשיקעס (קלווירקס) זיינען געבליבען אַרבייטסלאָז און מוזען אָנקומען צו צדקה.

עס איז אָבער דאָ נאָך א קלאַסע פון ליידענדע, וועמען מיר מוזען העלפען. ארום 300,000 אידען קמפּפען אין דיא רייהען פון דער רוסישער אַרמעע. זייערע מוטערס, פרויען און קינדער קריגען גאָר אַן אונבעדייטענדע שטיצע פון דער רעגיערונג (ארום 2 רובעל א מענש). ארום א העלפט פון זיי קריגען גאָר קיין שטיצע פון דער רעגיערונג, ווייל זייערע חתונות, אָבוואָהל געזעצליך, זיינען דאָך ניט פערשריבען אין דיא אָפיציעלע הייראַטה־ביכער. (עס איז א בעוואוסטער פאַקט, דאָס דער פּראָסטער אידישער עולם אין פּוילען און אין דער טשערטאַ פערפעהלט אָפט צו לאָזען פערשרייבען זייערע חתונות אין דיא אָפיציעלע ביכער, ניט איינזעהענדיג דיא נויטהווענדיגקייט פון אזאַ פאָרמאַליטעט.) דירה־געלט און שפּייז זיינען געוואָרען בעדייטענד טהייערער, זייט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, און דיא פאַמיליען פון דיא סאָלדאטען זיינען אָפט אין דער שרעקליכסטער נויטה, און מיר מוזען דיעזע לייטע העלפען, זיי זאָלען נישט דאַרפען פאַלען צו לאַסט אויף זייערע געמיינדען. פיעלע פון דיא סאָלדאטען וועלען זיך קיינמאָהל נישט אומקעהרען פון דיא שלאַכטפעלדער; אַנדערע וועלען צוריקקומען אַלס קריפּעלס און ווע־

לען ניט קענען מאַכען קיין לעבען פאַר זיך און פאַר זייערע פאַמיל־
יען. זיי וועלען אַלע דאַרפען הילפע אין עפּעס אַ פאַרמאַט . . .

עס איז אַן אונבעשרענקטער ים פון צרות, וואָס מיר האָבען
יעצט אַלס אויפגאַבע זיך צו ראַנגלען מיט איהם, און דיא גאַנצע
געוויכט פון דיעזער אויפגאַבע פאַלט אויף דיא אידישע אַקסלען. דער
שטראָם וואָס טהיילט אָפּ דיא ריעזיגע מעהרצאָהל פון דער רוסישער
געזעלשאַפט פון דעם אידישען לעבען און נויטען און צרות איז דורך
דיא מלחמה־שרעקען נאָך אַלץ ניט בעשפּאַנט געוואָרען מיט אַ בריק.
אָבוואָהל עס הערט זיך צייטענווייז אַ שטימע פון סימפּאַטהיע פון
רוסישע קרייזען דאָ און דאָרט, און אַ רוסישע האַנד ווערט אַ מאָהל
אויך אויסגעשטרעקט צו שפּייזען אַ הונגער־ליידענדע אידישע קינד,
איז דאָך דיא הילפע, מאָראַלישע וויא מאַטעריאַלישע, וואָס ווערט
געאָפּפערט פון ניט־אידען פיר אונזער אונגליקליך פאָלק, ניט מעהר
וויא אַן אַטאָם אין פערגלייך צו דער גרויס פון דער נויטה.

און מיר ווינשען אויך גישט צו בויען בעזאָנדערעס אויף דיא
פּויליש־אידישע פערהעלטניסע, וואָס עס איז שוין צו גוט בעוואוסט
וויא שפּיציג זיי זיינען געוואָרען דורך דיא לעצטע מאָנאַטען, בריינ־
גענדיג אין זייער וועג אונענדליכע, אונפערטרעגליכע ליידען פאַר אונ־
זערע אידישע ברידער.

אום צו פעראייניגען דיא בעמיהונגען פון דער אידישער גע־
זעלשאַפט אין דער הילפס־אַרבייט פיר דיא אידישע מלחמה ליידענדע,
איז באַלד ביים אויסברוך פון דער אייראָפּעאישער מלחמה אין פּעט־
ראָגראַד געגרינדעט געוואָרען אַן אַלגעמיינער אידישער הילפס־קאָמי־
טעט, מיט דער צושטימונג פון דיא רוסישע בעאַמטע, צו האַנדלען
אַלס אַ צענטער פיר דער זאַמלונג און אויסטהיילונג פון געלדער צו
דיא אָרעמע און נויטהבעדערפטיגע אידען. באַלד ביים אָנפאַנג פון
זיין טהעטיגקייט האָט דער אַלגעמיינער קאָמיטעט אַרויסגעלאָזט אַן
אויפרוף צום אידישען פּובליקום, אויפפאָרדערענדיג איהם צו זיין
פּפליכט צו דיא אונגליקליכע ליידענדע, פּונקט וויא דיא אידישע
סאָלדאַטען, וואָס קעמפּפען אין דיא רייהען פון דער רוסישער אַרמעע,
טהוען זייער פפליכט צו זייער מוטערלאַנד.

דיא אידישע געזעלשאַפט אין אַלגעמיין האָט זיך אָבגערופען
מיט איהר געוועהנליכער ברייטהערציגקייט, און מאַטעריאַלישע היל־

פע איז אָנגעקומען אין אזא גרויסע מאָאס, וויא נאָר דיא אינדיווי־
דועלע פערמעגענס און אומשטענדען האָבען ערלויבט.

קאָמיטעטען, עהנליכע צו דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט, ארביי־
טענדיג אויף דיזעלבע ליניען און אין ענגע פערבינדונג מיט איהם,
זיינען אָרגאניזירט געוואָרען אין אנגעזעהענע צענטערס אין און ארום
דעם בעטראָפענעם ראיאָן, וויא אין ווארשוי, מאָסקווע, קיעוו, אָדעס
און כארקאָוו, און דערצו האָבען אויך דיא עקזיסטירענדע אידישע
אָרגאַניזאַציאָנען, וויא דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער יודישער
קאָלאָניזאציאָנס געזעלשאפט (יק"א), דיא חברה מפיצי השכלה, דיא
אידישע געזונדהייטס געזעלשאַפט, דער פעראיין צו פערשפרייטען
אַרבייט און אינדוסטריע, א. ז. וו., א. ז. וו., אָנגענומען א טהעטיגען
אַנטהייל אין דער הילפס־ארבייט. פערטרעטער פון פערשיעדענע קאָ־
מיטעטען און פעראיינען ארבייטען אין קריעגס־ראיאָן און ארום פון
דעם קריעגס־ראיאָן, און זי קומען זיך צוזאַמען פון צייט צו צייט צו
בעשפרעכען נייע מיטלען און פּלענער, וויא אזוי בעהילפיג צו זיין
דיא שרעקליכע נויטה.

דיא צושטענדע און דיא גרויס פון דער נויטה אין דיא שטעדט,
שטעדטלאך און דערפער פון פוילען און פון דער טשערטא, ווערען
אויסגעפאָרשט דורך דעלעגאַטען פון דעם אַלגעמיינעם הילפס־קאָמי־
טעט, וועלכע ארבייטען טהעטיג און ענערגיש צו אָרגאַניזירען דיא
פערשיעדענע פאָרמען פון הילפע אין דיא פרשיעדענע געגענדען. אין
פיעלע פלצער האָט דיא לאָקאלע אידישע געמיינדע זיך אָנגעשלאָסען
אָן דער הילפס־ארבייט, טהוענדיג אַלעס מעגליכעס צו בעזאָרגען
שפייז, וואָהנונג, קליידער; דיא לאָקאלע פילאַנטראָפּישע און קהל'שע
אידישע אינסטיטוציאָנען זיינען אויף דיעזען אופן געוואָרען ווערטה־
פולע אַגענטורען פון דעם אַלגעמיינעם הילפס־קאָמיטעט. אין אַלגע־
מיין אָבער — הויפּטזעכליך אויף אזוי ווייט וויא עס אנבעלאַנגט
פוילען — בעגעגענט דיא אָרגאַניזאַציאָן פון הילפע פיר דיא מלחמה
ליידענדע אונענדליכע שוועריגקייטען, וואָס קומט הויפּטזעכליך דער־
פון וואָס דיא ליידענדע בעפעלקערונג איז אין אַזא פערצווייפעלטען
טעראָר, דאָס פיעלע אידען חלום'ען אפילו נישט פון ווענדען זיך
צו אימיצען פיר הילפע. אין פיעלע פעלע האָט דיעזער טעראָר ארויס־
געבראַכט א פאָלקאָמענע געפיהל־לאָזיגקייט.

אָפּט מוזען אונזערע פערטרעטער אויסזוכען דיעזע מענשען אין זייערע בעהעלטעניסען, זיי וועקען פון זייער לעטאַרגישען שלאָף, גוט אריינטענה'ן מיט דיא אָנגעזעהענערע מיטגליעדער פון דער געמיינ־דע, בעפאָר מען קען עפּעס טהאָן פיר דיא ליידענדע. דיא שטעלונג פון דיעזע מענשען ווערט גאַנץ פערשטענדליך, ווען מיר בעטראַכטען דיא צושטענדע וויא אזוי זיי לעבען אין געוועהנליכע אומשטענדען — זייער דלות, זייער אונוויסענהייט, און דיא שנאה וואָס זיי בעגעגנען פון דער נישט־אידישער בעפעלקערונג.

עהנליכע צושטענדע הערשען אין דיא גאַליצישע פּראָווינצען וואָס זיינען פערנומען פון די רוסען:

„איך האָב זיי געפונען צוזאַמענגעטוליעט אין פייכטע, פינסטערע קעלערען, האַלב־נאַקעט, קראַנק און הונגעריג" — דאָס זיינען דיא ווערטער פון איינעם פון אונזערע פערטרעטער, וואָס האָבען בעזוכט מאַנכע פון דיא פּלעצער וואָס האָבען געזעהן דיא מלחמה שרעקען — „זיי האָבען ארויסגעוויזען אַ פאָלקאָ־מענע געפיהללאָזיגקייט, האָבען אויסגעזעהן צו זיין אין אַ הינער־פּלעט פון טעראָר. בלויז אַ משוגע'נער — ער איז אראָפּ פון זינען דורך דיא צרות — איז מיר נאָכגעגאַנגען אין גאַס און האָט געשריען פאַר ברויט. איך האָב איהם דערלאַנגט אַ מטבע, אָבער ער האָט זיא אָוועקגעוואָרפען און האָט רחמנות'דיג געשריען פאַר ברויט..."

דיא בעשטענדיגע ענדערונגען אין דעם מלחמה צושטאַנד, וואָס עפענען נייע ראַיאָנען פיר הילפס־ארבייט היינט, און שליסען אַנדערע ראַיאָנען מאָרגען; וואָס ווארפען אָן נייע און נייע מענגען פון לייד־דענדע אויף צדקה — דאָס מאַכט דיא שרעקליכסטע שוועריגקייט אין אונזער ארבייט, צערשטערענדיג היינט דאָס, וואָס איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרען נעכטען. צוגעבען דערצו דאַרף מען נאָך דיא בע־זאָנדערע אומשטענדען פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד, דיא אונגינסטיגע שטעלונג פון דיא בעאַמטע צו דער אידישער בעפעלקערונג אין דעם קריעגס־ראַיאָן — און דאַן וועט מען שוין בעגרייפען דיא שוועריגקייטען וואָס דיא הילפס־אָרגאַניזאַציאָן האָט צו בעקעמפפען.

צוליעב דיעזע און אַנדערע צושטענדע האָט דער אַלגעמיינער קאָ־מיטעט ביז יעצט געמוזט קאָנצענטרירען זיין ארבייט הויפּטזעכליך

אויף „ערשטע הילפע“, דאָס הייסט, צו בעזאָרגען שפּייז און וואוינונגען פאַר דיא ליידענדע: אויסטהיילען שפּייז (אויף ביליגע פּרייזען אָדער אינגאַנצען פריי), בעהייצונג, קליידער, שיך; העלפען מיט קוואַרטירען, אַכטונג געבען אויף דער ריינליכקייט און געזונדהייט פון דיא מלחמה ליידענדע — דאָס זיינען דיא הויפּט פאָרמען פון דער הילפס־אַרבייט.

ביים יעצטיגען מאָמענט ווערען אויסגעשטאַטעט פון דעם אַלגעמיינעם הילפס־קאָמיטעט צוויי אַזוי־גערופענע „סאַניטאַרישע און שפּייזונג עקספּעדיציעס“, וועלכע האָבען אַלס צוועק צו געבען מעדיצינישע הילפע און בעזאָרגען פריי מיט שפּייז דיא ליידענדע אין דעם מלחמה ראַיאָן אין פּוילען, אָהן אונטערשיעד פון רעליגיאָן. (דאָס געלד פיר דיעזען צוועק איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן מיט דער אויסדריקליכער בעדינגונג, אַז קיין אונטערשיעד זאָל געמאַכט ווערען צווישען אידען און ניט־אידען.

נאָך מעהר, אויף אַזוי וויט וויא עס איז נאָר מעגליך, בעמיהט מען זיך צו קריגען אַרבייט פאַר דיא פּליכטלינגע און פאַר דיא־יענע, וואָס האָבען פערלאָרען זייער אַרבייט דורך דער מלחמה. אַזוי זיינען אין וואַרשוי געעפענט געוואָרען ווערקשטאַטען, וואו מען בעשעפטיגט דיא פּליכטלינגע ביים פאַבריצירען פערשיעדענע אַרטיקלען פון אונטערוועש, וואָס מען פערטהיילט צווישען דיא מלחמה ליידענדע. אין ווילנא האָט מען געעפענט אַ ווערקשטאַט פאַר שוהמאַכער, וואו עס ווערען געמאַכט שטיוועל פאַר דער אַרמעע. עהנליכע ווערקשטאַטען זיינען געעפענט געוואָרען אין דווינסק, פּאָסטאָוו, א. ז. וו. ווייטער, איז אויך געעפענט געוואָרען אַ ביוראָ אין וואַרשוי, דורך וועלכע מען קריגט אַרבייט פיר אַ גרויסע צאָהל האַנדווערקער.

אַ גרויסע צאָהל קליינע האַנדעלס־לייט נויטהיגען זיך זעהר אין קרעדיט צו העלפען רע־עטאַבלירען און אָנגעהען מיט זייערע געשעפטען און זיי צו רעטען פון גענצליכע רואינירונג. אַזעלכע קרעדיטס ווערט זיי געשאַפען דורך דער פערמיטלונג פון דיא אידישע קאָ־אָפּעראַטיווע קרעדיט פעראיינען, וואָס אַרבייטען איבער גאַנץ פּוילען און איבער דער טשערטאַ. אַלס אַ פּראָבע איז פאָרלויפיג אין דיעזע אָפּעראַציאָנען אַריינגעלעגט געוואָרען אַ סומע פון 23,000 רובעל. אויב עס זאָל זיך אַרויסצייגען אַלס אַ נוצליכער פאָרם פון הילפע,

וועט מען מוזען האָבען א גרויסען קאפּיטאל פיר דיעזען צוועק.

וויא מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, פערגרעסערט זיך דיא ספּערע, דיא צאָהל פון דיא ליידענדע און דיא נויטה מיט יעדען טאָג. דיא אידישע הילפס־אָרגאניזאציאָנען אין רוסלאנד שטעהען יעצט פאר דעם שרעקליכען פּראָבּלעם: פון וואנען צו נעהמען דיא געלדער אויף בעפריעדיגען דיא אימער־וואקסענדע נויטה. דיעזער פּראָבּלעם ווערט נאָך מעהר דרינגענד, ווייל מען מוז פערשאפען נייע פאָרמען פון היל־פע מיט דעם לויף פון דער צייט. עס איז ניט נאָר א פראגע פון שפּייז און נאכט־לעגער פאר דער בעטראָפענער בעפעלקערונג. פיעלע פון דיא ליידענדע קענען און ווילען ארבייטען, אויב זיי זאָלען נאָר האָבען דיא מעגליכקייט דאצו.

דיא אויפמערקזאמקייט פון דעם אידישען פּובּליקום מוז דערפאר קאָנצענטרירט ווערען אויף א נייעם פּראָבּלעם: צו העלפען דיא רו־אינירטע ארבייטס־לייטע צו קומען צו זיך, צוריק אויפצובויען זייערע צושמעטערטע היימען און אויפצולעבען זייערע רואינירטע געשעפ־טען דורך פערזאָרגען זיי מיט ביליגען קרעדיט. דיא לעזונג פון דיע־זען פּראָבּלעם וועט אָבער פאָרדערען פיעל גרעסערע מיטלען וויא דאָס רוסישע יודענטהום קען פערשאפען . . .

רעדע פון דעם דעפּוטאט פריעדמאַן אין דער דומע. (אויגוסט 2, 1915)

(איבערזעצט פון דער פּעטראָגראדער „רעטש" פון 3־טען אויגוסט 1915, און געדרוקט אין דער ניוארקער „טיימס", דעם 23־טען סעפּטעמבער 1915.)

טראָץ זייער בּיזדריקטע לאגע, טראָץ זייער שטאנד פון רעכט־לאָזיגקייט, האָבען זיך דיא אידען ערהויבען צו דער העראישער שטי־מונג פון דער נאציאָן און אין פערלויף פון לעצטען יאָהר האָבען זיי אנטהייל גענומען אין דער מלחמה אויף א מערקווירדיגען אופן. זיי זיינען ניט געבליבען הינטערשטעליג דיא אנדערע אין קיין שום הינ־

זיכט. זיי האָבען מאָביליזירט זייער גאַנצע מאַכט, אָבער טאָקע מיט דעם אונטערשיעד, וואָס זיי האָבען זייערע איינציגע זיהן (בנים־יחידים) אויך געשיקט אין דער מלחמה. די ציוניסטישע, ציוניסטישע האָבען ביים אָנפאַנג פון דער מלחמה געהאַט א מערקווירדיגע צאָהל פון אידישע וואָלונטירס צו פערצייכנען. מיינע הערען, די וואָלונטירס זיינען געוועזען אזעלכע, וואָס זייער בילדונגס־שטאַנד בערעכטיגט זיי צו דעם ראַנג פון אָפיציערען. זיי האָבען געוואוסט, אז מען וועט זיי נישט געבען דיעזען ראַנג, פונדעסטוועגען זיינען זיי אריין אין דער מלחמה.

די אידישע יוגענד, וועלכע איז אלס רעזולטאַט פון די בילדונגס־בעשרענקונגען געוועזען געצוואונגען אויסצוואוואנדערען נאָך אויסלאַנד, אום צו געניעסען פון בילדונג, האָט זיך אומגעקעהרט אהיים, ווען קריעג איז ערקלעהרט געוואָרען, אָדער זיך אָנגעשלאָסען אָן די ארמעען פון די פערבינדעטע נאציאָנען. א גרויסע צאָהל אידישע סטודענטען איז געפאַלען ביי דער פערטהיידיגונג פון ליעזש און ביי אנדערע פונקטען אויף דעם וועסטליכען קריעגס־פראָנט.

די ציוניסטישע יוגענד, ווען עס איז איהר פאָרגעשטאַנען די ברירה ענטוועדער צו ווערען טערקישע אונטערטהאַנען, אָדער צו פערלאָזען פאַלעסטינא, האָט זיך אויסגעקליבען צו עמיגרירען נאָך אלעקסאַנדריען און דאָרט זיך אָנשליעסען אָן דער ענגלישער ארמעע.

די אידען האָבען געבויט האָספיטעלער, בייגעטראָגען געלד און אנטהייל גענומען אין דער מלחמה אין יעדער הינזיכט, פונקט וויא די אנדערע בירגער האָבען געטהאָן. פיעלע אידען האָבען זיך אויסגעצייכענט פאַר זייער אויפפיהרונג ביים פראָנט.

פאַר מיר ליעגט א בריעף פון א אידען, וועלכער האָט זיך אומגעקעהרט פון אמעריקא:

„איך האָב ריזיקירט מיין לעבען — שרייבט ער — און ווען איך בין געקומען אזוי וויים וויא ארכאַנגעלסק, איז עס געווען ווייל איך האָב געליעבט מיין פאַטערלאַנד מעהר וויא מיין לעבען און די אמעריקאַנער פרייהייט, וואָס איך האָב געקענט געניעסען. איך בין געוואָרען א סאָלדאַט און האָב פערלאָרען מיין ארעם כמעט ביז דעם שולטער. מען האָט מיר געבראַכט נאָך קורלאַנדער גובערניע. גלייך וויא איך בין אָנגעקומען אין ריגא, האָב איך

אויפ׳ן וואקזאל געטראפען מיין מוטער און מיינע קרובים, וועלכע זיינען דארט נאר וואס אנגעקומען, נאכדעם וויא מען האט זיי פערטריבען פון זייער היים אויף דעם בעפעהל פון דיא מיליטערי־שע בעאמטע. זאגט דיא העררען, וועלכע זיצען אויף דיא בענק פון רעכטס, דאס איך בעדויער ניט דעם פער־לוסט פון מיין ארעם, אבער איך בעדויער טיעף דעם זעלבסט־רעספעקט, וואס מען ענטזאגט מיר נישט אין פרעמדע לענדער, און איז יעצט דא פאר מיר פערלארען.״

אזוי איז דער סענטימענט פון דיא אידען, וואס איז אויסגע־דריקט געווארען אין פיעלע אפיעלס און ערקלעהרונגען אין דער פרע־סע, און צולעצט אויך אין דיעזען זאאל. געווים האט מען דאך בע־דארפט דיעזע סענטימענטען אין אנבעטראכט נעהמען. מען דארף דאך האבען א רעכט צו דענקען, אז דיא רעגיערונג וועט אננעהמען מיטלען צו פערלייכטערען דעם שיקזאל פון דיא אידען וואס געפי־נען זיך אין דעם סאמע צענטער פון דיא מלחמה פאסירונגען. דעס־גלייכען, דארף מען דאך אין אנבעטראכט נעהמען דיא סענטימענטען פון הונדערטע טויזענדע אידען, וואס פערגיעסען זייער בלוט אויף דעם שלאכטפעלד.

אבער אנשטאט דעם זעהען מיר גאר, דאס מיט דעם אנפאנג פון דער מלחמה זיינען דיא אונטערדריקונגען געגען דער אידישער בעפעלקערונג ניט נאר ניט געווארען שוואכער, זאנדערן, אין געגענ־טהייל, זיי זיינען געווארען פיעל שטארקער, פערטריעבען זיינען גע־ווארען דיא אידישע מענער און פרויען, וועמעס מאנען, קינדער און ברידער פערגיעסען זייער בלוט פאר דעם פאטערלאנד. א פער־וואונדעטער סאלדאט מיט דעם נאמען אלעקסאנדער ראסכאוו, וועל־כער איז געשאסען געווארען אין אויג, איז געקומען נאך כארקאוו פיר מעדיצינישע בעהאנדלונג. אויף זיין פאספארט איז געווען בע־צייכענט: „זאל געשיקט ווערען צו דער טשערטא.״ דער סאלדאט גאדלעווסקי, וועמען מען האט ארונטערגענומען א פוס און ער האט זיך געפונען אין ראסטאוו־אם־דאן פיר ערהאלונג, האט מען געוואלט צוריקשיקען צו זיין געבורטס־שטעדטעל אין קאלישער גובערניע, וואס איז שוין געווען פערנומען פון דיא דייטשען; און נאר דיא טהעטיג־קייט פון דעם זעמסטווא סאיוז האט אויסגעווירקט ער זאל דארט קע־

נען בלייבען. אן אפטייקער'ס געהילפע, וועלכער איז פערוואונדעט געוואָרען אויפ'ן שלאכטפעלד, האָט מען נישט ערלויבט צו בלייבען אין פעטראָגראד זיך צו קורירען, און נאָר דורך בעזאָנדערע בעמי־הונגען האָט מען איהם ערלויבט צו בלייבען בלויז צוויי מאָנאַט מיט דער אויסדריקליכער אָנווייזונג, דאָס מעהר וועט מען זיין צייט נים פערלענגערען.

אין א לאנגע מלחמה מישען זיך צוזאמען גליקליכע פאסירונגען מיט אונגליקליכע, און אין יעדען פאל איז זעהר נוצליך צו האָבען אין רעזערוו א שעיר המשתלח. פיר דיעזען צוועק עקזיסטירט דיא אלטע פירמא — דער איד. קוים האָט נאָר דער שונא עררייכט אונ־זערע גרענעצען, איז שוין ארוים א קלאָנג, אז אידיש גאָלד פליעסט צו דיא דייטשען אין עראָפּליינס, אין טרונעס און אין דיא איננע־ווײדע פון גענז!

קוים איז דער שונא געגאנגען ווייטער, איז שוין וויעדער ער־שיענען דער אייביגער איד „אויפ'ן ווייסען פערד", פיעלייכט דער־זעלבער וועלכער איז אמאָהל געפאָהרען אויפ'ן ווייסען פערד דורך דער שטאָדט צו מאכען פאָגראָמען. דיא אידען האָבען געמאכט טע־לעפאָנס, צערשטערט טעלעגראַף־ליניען. דיא לעגענדע איז געוואַק־סען, און מיט דער פלייסיגער אונטערשטיצונג פון דער רעגיערונג און מיט דער אַגיטאציאָן אין דיא אָפיציעלע קרייזען, האָט זיא אָנ־גענומען ריעזיגע פּראָפּאָרציאָנען. א סעריע פון אונגעהערטע גרוי־זאמע מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרען געגען דיא אידען. דיעזע רדיפות זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען אין דיא אויגען פון דעם גאנ־צען פאָלק און האָבען געגעבען אָנצוהערען דעם פאָלק און דער אַרמעע, דאָס דיא רעגיערונג אנערקענט דיא אידען פאר שונאים און דאָס זיי דארפען בעהאַנדעלט ווערען אלס אזעלכע און אויסגעשלאָסען ווערען פון געזעץ.

ערשטענס האָבען דיעזע מיטלען גענומען אויסראָטען דיא אי־דישע בעפעלקערונג פון פיעלע געגענדען ביז צום לעצטען מאַן. דיע־זע געצוואונגענע וואנדערונגען האָבען שטאָטגעפונען אין פוילען און אין פיעל אנדערע טעריטאָריען. בסך־הכל זיינען ארום א האלב מיל־יאָן מענשען פעראורטהיילט געוואָרען צו ווערען בעטלערס און בראָד־יאגאס (טרמפּס). יעדער וואָס האָט מיט זיינע אייגענע אויגען גע־

זעהן דיעזע גירושים, וועט זיי נישט פערגעסען אויף זיין גאַנצען לע־בען. דיא גירושים זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען אין פיער־און־צוואַנציג שטונדען, מאַנכעס מאָהל אין צוויי טעג. פרויען, זקנים און קינדער, און אָפט אויך קראַנקע, זיינען פערטריעבען געוואָרען. אפילו דיא משוגעים האָט מען ארויסגענומען פון דיא אירר־אַנשטאַל־טען און געצוואונגען דיא אידען זיי מיטצונעהמען.

אין מאָהילניצי האָט מען 5,000 מענשען ארויסגעטריעבען אין צייט פון 24 שטונדען. זיי האָבען גענומען וואנדערען נאָך ווארשוי דורך קאַלוואַריע. זיי האָבען געמוזט וואנדערען דורך דיא פעלדער אין לובלינער גובערניע און האָבען ניט געהאט דיא מעגליכקייט מיט־צונעהמען זייער ביסעל אָרעמקייט. פיעלע האָבען געמוזט זיך שלע־פען צופוס. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין לובלין, האָט דער אידי־שער קאָמיטעט זיי בעזאָרגט מיט שפייז, אָבער אָפּשטעלען זיך האָט מען זיי ניט ערלויבט, און זיי האָבען גלייך געמוזט זיך שלעפען ווייטער.

אויפ'ן וועג האָט געטראָפען אַן אונגליק: א זעקס־יעהריגעס קינד איז געפאַלען און דער'הרג'עט געוואָרען. דיא עלטערען האָט מען אפילו ניט ערלויבט מקבר צו זיין זייער קינד.

איך האָב אויך געזעהען דיא פליכטלינגע פון קאָוונער גובערניע. מענשען וואָס זיינען נעכטען געוועזען נגידים, זיינען איבער נאַכט גע־וואָרען בעטלערס. צווישען דיא פליכטלינגע האָב איך געטראָפען אי־דישע פרויען און מיידלאך, וועלכע האָבען געארבייט צוזאמען מיט דיא רוסישע פרויען, גענייהט קליידער און געזאמעלט בייטרעגע פיר דיא סאָלדאטען, און יעצט זיינען זיי געוועזען אין לאגער ביי דער איי־זענבאַהן. איך האָב געזעהען פאַמיליען פון רעזערוויסטען. איך האָב צווישען דיא פערטריעבענע געזעהען פערוואונ־דעטע סאָלדאטען, וועלכע האָבען געטראָגען דעם געאָרגיעווסקי קרייץ. מען זאָגט, דאָס דיא אידישע סאָלדאטען, מארשירענדיג דורך פוילען האָבען געמוזט צוקוקען וויא מען טרייבט זייערע פרויען און קינדער. מען האָט דיא אידען צוזאמענגעפאַקט אין פראַכט־וואַגאָנען, פונקט וויא פיה, און דיא פראַכט־צעטלען בעצייכענט: „פיער הונדערט מיט פופציג אידען אויף דער רייזע נאָך——."

עס זיינען געוועזען פעלע, וואו גובערנאַטאָרען האָבען גאָר איינ־

גאנצען נישט ערלויבט אריינצולאזען דיא אידען. איך אליין בין גע־ווען אין ווילנא אין דער צייט ווען א צוג מיט אידען איז געשטאנען פיער טעג ביים נאווא־ווילייסקער וואקזאל. דאס זיינען געווען אידען, וועלכע זיינע געשיקט געווארען פון קאוונער ־גובערניע נאך פאלטא־ווער גובערניע, אבער דער פאלטאווער גובערנאטאר האט זיי נישט אריינגעלאזען און האט זיי צוריקגעשיקט נאך קאוונא, פון וואנען מען האט זיי ווידער געשיקט נאך פאלטאווא.

שטעלט זיך פאר, אין א צייט ווען מען נויטהיגט זיך אין יע־דען וואגאן אויף טראנספערירען אמוניציאן, ווען פון אלע זייטען הערט מען קלאגען אז עס פעהלען טראנספארטאציאנס־מיטלען, האט דיא רע־גיערונג זיך ערלויבט צו טהאן אזא זאך! אויף איין וואקזאל זיינען געשטאנען 110 פראכט־וואגאנען געפאקט מיט אידישע פליכטלינגע.

נאך א מיטעל, וואס איז פונקט אזוי אונגעהערט אין דער גאנצער געשיכטע פון דער ציוויליזירטער וועלט, איז דיא איינפיהרונג פון דעם אזוי־גערופענעם סיסטעם פון „ערבים", און דיזע ערבים נעהמט מען ניט פון דעם שונא, נאר טאקע פון רוסלאנד'ס אייגענע אונטערטהא־נען, פון איהרע אייגענע בירגער. מען האט גענומען ערבים אין ראַ־דאם מיר האבען שוין איבערשטייגט יענע עפאכע. קיין אידיש בלוט האט מען געהאלטען אונטער דעם שטרענגסטען רעזשים, און ביים יעצטיגען מאמענט געפינען זיך נאך אונטער ארעסט אידישע ערבים פון קיעלצער און ראדאמער גובערניעס.

מיט א צייט צוריק האט דער פיהרער פון דער אפאזיציאן, רע־דענדיג וועגען דער שטעלונג געגען דיא אידען אפילו נאך פאר דעם אויסברוך פון דער מלחמה, זיך אויסגעדריקט, דאס מיר האלטען ביי דיא צייטען פון פערדינאנד און איזאבעללא. איך בעהויפטע יעצט, דאס מיר האבען שוין איבערשטייגט יענע עפאכע קיין אידיש בלוט איז ניט פערגאסען געווארען אין דער פערטהיידיגונג פון שפאניען, אבער אונזער בלוט פליעסט אין דער פערטהיידיגונג פון רוסלאנד.

יא, מיר זיינען הינטער דער טשערטא פון דיא געזעצע, מיר זיינען אונטערדריקט, מיר האבען א שווערען לעבען, אבער מיר וויסען דיא קוועלע פון אלע צרות. זיי קומען פון יענע ביינק (אנווייזענדיג אויף דיא מיניסטארען־פלעצער). מיר ווערען אונטערדריקט פון דער רוסישער רעגיערונג, אבער ניט פון דעם רוסי־

שען פאָלק. וואָרום, אלזאָ, איז עס אן איבערראשונג, ווען מיר וויינ־שען צוזאמענצושליסען אונזער שיקזאל ניט מיט דער רוסישער רע־גיערונג נאָר מיט דעם רוסישען פאָלק? ווען מיט דריי יאָהר צוריק איז דאָ פערהאנדעלט געוואָרען דאָס געזעץ וועגען כעלמער גובערניע, האָבען מיר דאמאָלס ווען געהאט אויפ'ן געדאנק, אז דיא שטיפמטער פון יענעם געזעץ וועלען אין א קורצע צייט ארום זיך שאַרען און בוקען פאר א פרייען אויטאָנאָמישען פוילען? מיר האָפען פונקט אזוי, דאָס דיא צייט איז ניט ווייט, ווען מיר וועלען קענען זיין ביר־גער פון דעם רוסישען שטאאט מיט פולע גלייכהייט פון פריווילעגיען מיט דעם פרייען רוסישען פאָלק.

פאר דעם געזיכט פון דעם גאנצען לאנד, פאר דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, ערקלעהר איך, דאָס דיא בלבולים געגען דיא אידען זיינען דיא אבשייליכסטע ליגענס און אויסטראכטונגען פון פערזאָ־נען, וועלכע וועלען דארפען זיין פעראנטוואָרטליך פאר זייערע פער־ברעכענס. (אפלויז פון לינקס)

עס איז אָבהענגיג אָן אייך, הערדען פון דער גאָסודארסטווענאיאַ דומא, צו זאָגען דאָס וואָרט פון ערמוטהיגונג, אָנצונעהמען דיא האנד־לונג, וואָס קען ערלעזען דיא אידען פון זייערע יעצטיגע צרות און זיי צוריקברייינגען אין דיא רייהען פון דיא רוסישע בירגער וואָס פער־טהיידיגען זייער פאטערלאנד. (געשרייען פון רעכטס).

איך ווייס נישט אויב דיא גאָסודארסטווענאיאַ דומא וועט אזוי האנדלען; אויב זיא וועט אָבער יאָ אזוי האנדלען, וועט זיא ער־פילען אן עהרען־פערפפליכטונג און א טהאט פון קלוגע שטאאטס־מאנשאפט, וואָס איז נויטהיג פיר דעם פערדיענסט און פיר דער גרויס־קייט פון דעם פאטערלאנד. (אפלויז פון לינקס).

אויסצוג פון א רעדע פון באראן ראזען פאר'ן גאסודארסטוועני סאוויעט.*)

(אויגוסט 22, (סעפט. 4), 1915)

(איבערזעצונג פון „רעטש" נומער 231, אויגוסט 23 (סעפט. 5), 1915.)

באראן ראזען האט אנגעפאנגען זיין רעדע מיט דער ערקלעהרונג, דאס וועהרענד דיא פראגע פון פראוויאנט פיר דער ארמעע און פלאטע איז דיא הויפטזאך, איז אבער דא נאך א וויכטיגע זאך, און דאס איז דיא פראגע פון דער אינלענדישער פאליטיק פון דער אימפעריע. ער האט אויפמערקזאם געמאכט זיינע צוהערער, דאס אין מאי 1913 האט ער געווארענט דעם גאסודארסטוועני סאוויעט וועגען דער קאטאסטראפע וואס הענגט איבער אייראפא, אבער מען האט זיין בעהויפטונג אויפגענומען מיט לעכערליכקייט און צווייפעל. דער רעזולטאט פון דיעזע שטעלונג איז יעצט קלאהר פאר אלעמען. אין דיעזען גרויסען שטרייט איז יעצט קלאהר געווארען, דאס קיין צד וועט נישט קענען צושמעטערען דעם אנדערען, וויא מען האט ערווארטעטביים אנפאנג פון דער מלחמה. אבער אפילו אזוי וויא עס איז, מוז דיעזע מלחמה, וואס ראטעט אויס דיא ווייסע ראסע, סוף־כל־סוף בעשלאסען ווערען צו גונסטען פון איינעם פון דיא צוויי שטרייטענדע צדדים. ער דענקט, דאס געוויסע אונפיהלבארע עלעמענטען, וואס געהען אריין אין דער פראגע, וועלען זיין פון גרויס וויכטיגקייט ביים שליסען דיא מלחמה. אוועקלעגענדיג אן א זייט דיא פאליטישע, עקאנאמישע און פסיכאלאגישע פראגען, וואס האבען געפיהרט צו דיעזען שטרייט, דענקט ער,

*) באראן ראזען איז א געוועזענער רוסישער אמבאסאדאר אין דיא יונייטעד סטייטס.

דאס דיא שליעסליכע פראגע איז געווען דיא ענטשיידונג פון דער וועלט צו קעמפפען געגען דער דייטשער לעהרע, דאס „מאכט איז גרעסער וויא רעכט, און רעכט ווערט געשאפען נאר דורך מאכט". אונטער דיא אומשטענדען דארף, אלזא, אויסווייזען, אז דיא סימפאטהיען פון דער גאנצער וועלט זאלען זיין מיט דיא עליים. אבער אין דער ווירקליכקייט איז עס נישט אזוי ; און עס זיינען דא עטליכע אורזאכען דאצו.

עס איז אהן צווייפעל אין אונזער מאכט אבצושאפען איינעם פון דיא פאקטארס, וואס קעמפפט געגען אונז אין דער עפענטליכער מיינונג פון דיא נייטראלע לענדער. אין דעם קאמפף וואס מיר, צוזאמען מיט דיא העכסט ציוויליזירטע נאציאנען פון אייראפא, פיהרען געגען דעם פאן־גערמאניזם, אימפעריאליזם און אבסאלוטיזם, און פיר רעכט און גערעכטיגקייט, פיר דער פרייהייט און אונאבהענגיגקייט פון דיא שוואכערע נאציאנען, ווען מיר קריגען דיא פולע סימפאטהיע פון דער גאנצער וועלט נאר דאן, ווען מיר וועלען שטעלען אונזער אינערליכען פראנט — אויב איך מעג בענוצען אזא אויסדריק — אויף א גלייכען באדען מיט דער פאליטישער אידעאלאגיע פון אונזערע העלדישע פערבינדעטע ; צום ביישפיעל, אין אונזער פאליטיק צו דיא גרענעץ־לענדער און דיא אזוי־גערופענע פרעמדע ראסען וואס שטעלען צוזאמען דיא בעפעלקערונג."

באראן ראזען האט דאן ערקלעהרט, אז עס זיינען דא צוויי געגענגעזעצטע פאליטישע סיסטעמען, איינע וואס הערשט צווישען דיא עליים און דיא אנדערע צווישען דיא דייטשען.

„אם מעהרסטען שאדט דיא אמת'ע אינטערעסען פון רוסלאנד— האט באראן ראזען פארטגעזעצט — וואס מיר האבען אנגענומען און אויסגעפיהרט דעם עכט־דייטשען סיסטעם פון פאליטיק אין בעצוג צו אונזערע גרענעץ־לענדער און אזוי־גערופענע פרעמדע ראסען און פרעמדע גלויבענס, א סיסטעם וואס איז נאך מעהר פערפאלקאמט געווארען דורך דער צומישונג פון מיטעלאלטערליכע רעליגיעזע אונטאלעראנץ.

„עס מעג ערוויעדערט ווערען, דאס דער שיקזאל פון א קאמפף ווערט ענטשיידעט דורך מיליטערישע מאכט און ניט דורך גרעסערע אדער קלענערע סימפאטהיע פון נייטראלע לענדער פיר א פאליטיק

פון א געוויסען שטאַאַט. דיא דייטשע רעגיערונג דענקט נישט אזוי; זאָנסט וואָלט זיא נישט אויסגעגעבען אונצעהליגע מיליאָנען פיר פּאַנדייטשע פּראָפּאגאנדאַ אין אלע לענדער פון דער וועלט, אפילו גאָר דיא וויַיטעסטע. אָבער מיר, דאַגעגען, ניט נאָר פערפעהלען מיר צו בעקעמפּפען דיעזע פּראָפּאַגאַנדאַ, זאָנדערן דורך דעם גאַנג פון אונזערע היימישע פּאָליטיקס גיבען מיר אין דיא הענד פון דיעזער פּראָפּאַגאַנדאַ מעכטיגע ארגומענטען אויף ערוועקען געגען אונז דיא עפּענטליכע מיינונג אין אַזעלכע לענדער וויא דיא פעראייניגטע שטאַאַטען פון אמעריקאַ, דיא איינציגע גרוסע נייטראַלע מאַכט, און שוועדען, אונזער נאַכבאַר.

„עס איז אונבעגרייפליך, אז דיא פערפאַסער פון אונזער פּאָליטיק זאָלען נישט בעגרייפען, דאָס דיא פּראָפּאַגאַנדאַ, וואָס ווערט דירעקטירט געגען אונז, געפיהרט אונטער אָפיציעלע אויפזיכט און אויסגעשטאַטעט מיט דיא בעסטע קוועלען, וועט אונזערע אינטערעסען און דיא אינטערעסען פון אונזער פערבינדעטע נישט טהאָן איין צעהנטחלק פון דעם שאַדען, וואָס ווערט פעראורזאַכט צו דיעזע אינטערעסען דורך אונזער שטעלונג צו דער אידישער בעפעלקערונג פון רוסלאַנד און אונזער סיסטעמאַטישע פערגוואַלטיגונג פון דעם געזעצליכען געוויסען פון דער פינלענדישער בעפעלקערונג — אַ שטעלונג וואָס שמעקט מיט דיא פינסטערע צייטען פון מיטעלאַלטער.

„דיא פראַגע איז יעצט, וואָרום האָט דיא רעגיערונג נישט געפונען פאר מעגליך אַן ענדע צו מאַכען מיט דיעזען פּראָבלעם איין מאָהל פאר אלע מאָהל, וויא זיא האָט ענדליך — און אַך, וויא שפּעט! — געשליכטעט דיא פראַגע פון אַן אויטאָנאָמיע פיר פוילען? דאָס קען נאָר ערקלעהרט ווערען דורך דעם פאַקט, דאָס דיא רעגיערונג האָט געצעגערט אָפּצוברעכען מיט דער טראַדיציאָנעלער פּאָליטיק, וואָס איז אזוי טהייער צום קריעגערישען נאַציאָנאַליזם.

„און דאַרום זיינען דיא דומאַ און דער סאָוועט געבונדען אין פּפליכט צו קומען צו הילפע דער רעגיערונג אין דיעזע זאַך און נעהמען אויף זיך אליין דיא איניציאַטיווע אריינצוברענגען א געזעץ פיר דער אָבשאַפונג פון דיא בעשרענקונגען פון דיא רעכט פון דיא אידען, און פיר דער אָבשאַפונג פון דעם געזעץ פון 17־טען יולי בנוגע צו פינלאַנד. דאָס אָננעהמען פון דיעזע געזעצע וואָלט אָהן צוויַיפעל

פערלייכטערען דיא שווערע אויפגאַבע וואָס שטעהט פאַר דער רעגיע־רונג אין דער ספערע פון אינטערנאציאָנאַלע פערהעלטניסע, און וואָלט פון אונזערע העלדישע פערבינדעטע אויפגענומען ווערען מיט דער לעבעדיגסטער צופריעדענהייט.

„מיר מוזען געדענקען, דאָס דיעזע גרויסע אייראָפעאישע מלחמה איז ניט נאָר אַ קאַמפף פון אינטערעסען, זאָנדערן אויך א קאַמפף פון אידעאַלען און פרינציפען. אין דער שלאַכט געגען דעם דייטשען מיליטאַריזם האָט רוסלאַנד זיך געשטעלט אויף דער זייט פון רעכט און פרייהייט, און פיר דעם טריאומף פון דער אידעע, פאַר וועלכע מיר קעמפפען יעצט, איז נויטהיג אז אין רוסלאַנד גופא, זאָלען אויך ניט מעהר זיין קיין מענשען אָהן רעכט און קיין מענשען אונטערדריקט.“

העברעאיש ענגלישעס ווערטערבוך

STUDENTS' HEBREW AND CHALDEE DICTIONARY

פון אלכסנדר הארקאווי

דיעזער ווערטערבוך ענטהאלט:

1) אלע העברעאישע און אראמעאישע ווערטער, וועלכע געפינען זיך אין תנ"ך, איבערזעצט און ערקלעהרט אין דער ענגלישער שפראך.

2) די שרשים פון די ווערטער און זייערע אפשטאמונגען, ווי אויך ביי יעדען שם און פעל די פערשיעדענע פארמען, לויט זייערע נטיות (בייגונגען).

3) ערקלעהרונגען פון פיעלע שווערע פסוקים אין תנ"ך, לויט די גרעסטע אלטע מפרשים און די בעסטע פארשער פון דער נייער צייט.

אויך איז צו דיעזען העברעאיש-ענגלישען ווערטערבוך צוגעגעבען א זאמלונג פון תלמודישע און ניי-העברעאישע ווערטער, וועלכע קומען זעהר אפט פאר אין דער ניי-העברעאישער ליטעראטור.

דיעזער ווערטערבוך ענטהאלט 887 זייטען, און איז געדרוקט אויף גוטע שעהנע פאפיער און געבונדען אין א פרעכטיגען באנד.

פרייז 2.50 דאלאר

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 Eldridge St., N. Y.

בעקוועם צו האַלטען אין פּאַקעט

ווערטערבוך:

ענגליש־אידיש און אידיש־ענגליש

אין טאַשעו פאָרמאַט

פון

אַלכסנדר האַרקאַווי

ענטהאַלט:

אַלע ענגלישע ווערטער נאָכ'ן איי בי סי, מיט
זייער אויסשפּראַכע און איבערזעצונג
אין אידיש, און אַלע אידישע ווער־
טער נאָכ'ן אַלף־בית מיט די
איבערזעצונג אין ענגליש.

פיין געבונדען אין קלאָטה 60 סענט

פיין געבונדען אין לעדער 75 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

ווערטערבוך

אידיש־ענגליש און ענגליש־אידיש

פון

אַלכסנדר הארקאַווי

דער פאָלשטענדיגער ווערטערבוך דורך וועלכען
הערר הארקאַווי האָט זיך בעריהמט געמאַכט
אין דער גאַנצער וועלט.

ענטהאַלט:

אַלע ענגלישע ווערטער נאָכ'ן איי בי סי מיט זייער
אויסשפּראַכע און איבערזעצונג אין אידיש, און
אַלע אידישע ווערטער נאָכ'ן אַלף־בית מיט
די איבערזעצונג אין ענגליש.

דאָס איז צוויי ווערטערביכער:

איינער — ענגליש־אידיש, און אַ צווייטער —
אידיש־ענגליש.

צוזאַמען געבונדען אין איין באַנד, ענטהאַלט אי־
בער 1100 זייטען, געבונדען אין אַ פּראַכטפאָלען
קלאָטה־באַנד.

פּרייז 2 דאָלאַר

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

ווערטערבוך ענגליש-רוסיש
(טאשען פארמאט)
פון
אלכסנדר הארקאווי

א פאלשטענדיגער ענגליש־רוסישער ווערטער־
בוך, מיט די אויסשפראכע פון יעדען ענגלי־
שען ווארט אין רוסישע בוכשטאבען.

ניט קוקענדיג אויף זיין קליינעם פארמאט ענט־
האלט דיעזער ווערטערבוך מעהר ווערטער ווי
מאנכע פון די גרויסע ווערטערביכער. אויך זיינען
אין איהם אויפגענומען פיעלע פון די נייע ווערטער
וועלכע ווערען בעזונדערס בענוצט אין אמעריקא,
און געפינען זיך ניט אין קיינעם פון די אנדערע
ענגליש־רוסישע ווערטערביכער.

ענטהאלט 792 זייטען, געדרוקט מיט גרויסע
און קלאהרע בוכשטאבען, און געבונדען אין קלאטה
פראכט־באנד.

פרייז 60 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

ספּעשעל באַרגיין

דער גרויסער

ענגליש־רוסישער ווערטערבוך:

פון

א. אלעקסאנדראָוו

דער פאָלשטענדיגסטער און בעסטער ווערטער־
בוך פון אַלע ענגליש־רוסישע ווערטערביכער.
ענטהאַלט איבער 900 זייטען, געדרוקט אויף גוטען
פּאַפּיער, און געבונדען אין קלאָטה.

פּרייז בלויז 2 דאלאר

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

לערענט זיך ענגלישע בריעף שרייבען!

בריפענשטעלער ענגליש־אידיש

פון

אלכסנדר הארקאווי

ענטהאלט:

פערשיעדענע געשעפטס־בריעף, פאמיליען־
בריעף, ליעבע־בריעף, נאכפראגען, טעלעגרא־
מען צו געבורטס־טעג און חתונות, רעגלען
צו לעזען און א ספעציעלע אבטהיילונג צו
לערנען שרייבען.

פיין בראשירט 30 סענט

פיין געבונדען 40 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

ווייכטיג פיר אלע רוסישע איממיגראנטען

דיא

ענגליש־רוסישע מעטהאָדע

(УЧЕБНИКЪ АНГЛІЙСКАГО ЯЗЫКА)

פון

אלכסנדר הארקאווי

איז א פראקטישע מעטהאָדע זיך צו ערלער־
נען די ענגלישע שפראך דורך רוסיש.

פיין געבונדען.

פרייז 35 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
50-52 Eldridge St., New York.

ענגליש־רוסישע מעטהאָדע

פון

פ. מ. נוראק

אַ פאָלשטענדיגע מעטהאָדע צו לערנען ענג־
ליש רעדען, לעזען און שרייבען.

אײַנגעטהיילט אין 5 טהייל

צוזאמען מיט איבונגען, ענגלישע אנעקדאָטען און
טהיילען פון דער ענגלישער ליטעראטור אין פער־
זען, ווי אויך אַן ענגליש־רוסיש ווערטערבוך.
ענטהאַלט 384 זייטען.

פיין געבונדען אין סילק־קלאָטה.

פרייז 75 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.